STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10100

LIDER

Joseph Rolnick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון

יוסף ראָלניק

צווייטע פאַר-
גרעסערטע
אויפלאַגע

ניו יאָרק 1926

Copyright, 1926, by Joseph Rolnick

געזעצט און געדרוקט ביי די טרייענגל ליינאטייפ קא., 112 — 4טע עוו., נ. י.

181

אין דער נייער אויפלאגע פון די „לידער“ גייען אריין א טייל לידער פון „אויפ׳ן זאמדיקן וועג“, (1910) כמעט אלע לידער פון בוך „לידער“ (1915) און אלע לידער פון דער זאמלונג „צום שטערען נויד“ (1922) און אויך א צאל לידער, וואס זיינען נאך ביז אהער ניט געזאמעלט געווארען.

דריי פערטעל פון די לידער, וואס גייען אריין אין בוך זיינען געשריבען און געדרוקט געווארען אין די יארען 1912—1917. די איבעריגע, די קלענערע צאל גייען אויף צוריק פון דעם יאר 1912 ביז 1908. א טייל פון די לעצטע האב איך באצייכענט מיט א דאטום, כאטש ניט גאר קיין פינקט־ליכען, כדי דער לעזער זאל זיך ניט דארפען וואונדערען, ווען ער וועט זיך אפטמאל אנשטויסען, אויפ׳ן זעלבען בלעטעל, אויף לידער, וואס זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים אין פלאץ און אזעלכע ווייטע אין כאראקטער און אויסזעהן.

י. ה.

C 15953

אַרום מיר

ערשטער טייל :

I שנײַ

II אַרום מיל

III ליטע

IV אין חודש מערץ

ש נ י י

1

דער טייך שמעלט זיך

אין יענעם טאָג איז אין דער פרי
די זון ניט אויפגעגאַנגען.
דער הימעל, ווי א ברודנער טייך,
איז ביי דער ערד געהאַנגען.

נאָך מיטאָג האָט א ווינט געבראַכט
דעם ערשטען שניי צו טראָגען;
אָן דאַך פון מיל האָט זיך ביז טויט
א פייגעלע צעשלאָגען.

און שווארץ איז מיט אמאָל דער טייך
און שוימענדיג געוואָרען.
געפאַלען זיינען שנייעלאַך
און זיך אין טייך פארלאָרען.

ביינאַכט געגאַנגען איז „סאָראָזש",
צעשמעלט אין מיל די רעדער,
ווי היישריק דיק זיך אָנגעזעצט
אויף יעדען שטאַנג און „פּעדער".

אויף מאָרגען האָט א דעק פון אייז
דעם מוטנעם טייך באצויגען,
געוועז איז יעדע הארץ פארקלעמט,
און יעדער קאָפּ געבויגען.

2

ס'איז דער שניי דער ערשטער
היינט ארויסגעפאַלן;
אָפּגעקאַלכט די שטיבער,
אָפּגעווייסט די שטאַלן.

טיפע פערד־טריט צייכענס, —
נעכטען דאָ געפאַרן —
טרעטען ארויס שאַרפער,
האַרט און איינגעפראָרן.

שווער דעם טייך צו קייקלען
די געדיכטע וועלן;
נאָך איין קאַלטע כוואַליע
און ער וועט זיך שטעלן.

אין אַ טיר פון פייער
איז די זון פארשוואונדען;
שוואַרצע וואָלקענס־זיילען
טאַרטשען פון די גרונדען.

3

„זאַווייע“

ווי אַ זייהער שפּרייט „זאַווייע“,
ווייסע קערנער אויף זיין וועג.
ציט ער אוים אַ האַנט, אַ לאַנגע,
פון ברעג פאַשע ביז צום ברעג —

וואַקסען בייטען און זאַהאָנעס
מיט זיין יעדען הינטער־טריט.

אַט גענאַנגען — באַלד פאַרשאָטען
זיינע איינ'נע קאַלטע טריט.

וואַקסען בייטען, נאָר „זאַווייע“
וועט ניט ווערען קיינמאָל רייך, —
נאָר זיין שפּע וועט אַוועקגיין
מיט דער ברייטער וועסנע־טייך.

4

ווייס איז די ערד און געפרוירען,
עס ציהט זיך דער וועג ווי אַ שנור;
און איינציגער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וויאָרסטען ווייט פויזעט אַ פור.

בלוי איז די לופט און דער הימעל;
און איינציגער פלעק אויף דאָס בלאָ:
פון שניי האָט זיך פלוצלינג דערהויבען
אין לופטען אַ גראָ־שוואַרצע קראָ.

שטיל דער פאַרפראָרענער טייך איז,
און שטיל איז אויף באַרג און אין טאָל;
פון נאָענטען דערפעל דערהערט זיך:
אַ מאַן שילט דאָס ווייב אויפן קול.

5

„עך מאַראָז“

גוים פירען האָלץ אין שטעדטל.
רופען הילכיג: „עך, מאַראָז!“

גייט דער פראָסט אין נייע שטיוועל,
מיט אן אָפּגעפרוירען נאָז.

הערט ער ווי די גוים רופען,
גייט ער צו — וויל העלפען זיי.
לייגט ער צו אַ האַנט — צעסקריפּען
זיך די שטיוועל איבערן שניי.

און עס גליטשען זיך די שליטענס
אויף דעם גלאַטען וועג ווי גלאָז;
און די גוים רופען הילכיג:
„סלאווא באָגו! עך, מאראָז!“

6

בלענדעט די זון מיר די אויגען,
בליצען בריליאַנטען אין שניי;
נעם איך זיי איינציגווייז קלייבען —
פרירען די הענד מיר פון זיי.

בלענדעט די זון מיר די אויגען —
קער איך פון איר זיך אוועק;
ברענען די שנייאיגע בערגלאך,
שימערט דער דאָרפישער וועג.

בלענדעט די זון מיר די אויגען,
מישען זיך הימעל און ערד;
לאָז איך אַרונטער די אויגען —
זע איך נאָר שליטען און פערד.

7

אַ צלם ביים וועג

שפּרייטען זיך שנייאיגע פעלדער,
שפּרייטען זיך ווייט אָן אַ ברעג.
שטייט אין אַ פראָסטיגען מאַנטעל
אַ צלם ביים זייט פון דעם וועג.

פאָרט זיך אַ גוי פונם שטעדטיל,
וויגט זיך זיין שיכור׳ער קאָפּ.
פאָרט ער; דערזעט ער דעם צלם,
נעמט ער די היטעל אַראָפּ.

לויפט מיט אַ פּאַטשט אַ טשינאָווניק;
צלמ׳ט זיך, איין מאָל און צוויי.
שנייאיגע פעלדער. — דער הימעל,
גרינליכען שיין גיסט אויף זיי.

8

א ווייסער, פאַרוואָרפענער דערפל,
בלויז הימלען און וועלדער און שניי.
פאַרשאָטענע הייזלאַך. עס לעבען
פאַרגעסענע מענשען אין זיי.

און זעלטען פאַרטראָגט דאָרט אַן אורח
פאַרלוירענע בשורות פון שטאָדט.
עס בייטען זיך שנייען אויף שנייען, —
בלויז הימלען און וועלדער און גאָט.

דאָך דאָרטען אויך צייטיגען הערצער,
אויך דאָרט שטייט די יונגוואַרג אין בלום,

האלב קינדישע אָרעמס זיך פלעכטען
האלב קינדערשע נאַקענס אָרום.

9

ווינטער־פּרעסט ציען זיך ווייסע.
פענסטער — פאַרוואַקסען, פאַרשנייט.
שטולען און ווייכע פאַטעליען —
איבער דער סאַליע צעזייט.

קנאַקען אין אויוועז די שייטלאַך,
נאַפּע, אָפּ־ערשט פון דעם שניי;
שוואַרץ איז דער פייער געוואָרען
מעסטענדיג כּחות מיט זיי.

ליכטיגער, טונקעלער ווערט עס;
שרפות באַדעקען די ווענט.
זיצט זי ביים פלאַם. אויף די קניען —
גליענדע, לויכטענדע הענט.

הין און צוריק שפּרינגט דאָס קעציל,
שפּילט מיטן זוים פון איר קלייד. —
ועט ניט דאָס מיידעל; זי זעט נאָר:
הענטלאַך, ווי פלאַמינגע, רויט.

10

ניט קיין באַרג, ניט קיין צאַם, —
פריי און אָפען די וועלט;
ניט קיין טייך, ניט קיין גרוב, —
גיי, וואוהין דיר געפעלט.

אַ ר ו ם מ י ל

ס׳אַרט ווייט, ס׳אַרט ברייט
פאַר דעם דאָרשטיגען בליק;
ס׳האָט דער פראָסט איבער נאַכט
אויסגעבויט אַזאַ בריק.

ווייסע פעלד, ברייטע פעלד,
און אַ וועגעלע שמאָל,
ווי אַ גלאַנציגע שווערד,
טיילט אויף צווייען דעם טאָל.

און אַ פינטעלע קומט,
ווי אַ פליג קליין און שוואַרץ,
טאַנצט און שפּרינגט אין גאַלאָפּ
אויף דער ערדס ווייסער האַרץ...

און אַ גלעקעלע קלינגט
און פאַרגייט זיך אַזוי;
און דער פערד יאָגט און טראָגט,
גראָבט און שטויבט הויך דעם שניי.

ס׳פאָרט אַ סוחר פון שטאָדט.
וואָס אים שניי?! וואָס אים קעלט?!
טראָגט אַ ווארעמען פעלץ,
פירט אַ בוזים מיט געלט.

פירט אַ בוזים מיט געלט
פאַר דעם גראַף בערעסטאַן;
קויפען וועט ער דעם וואלד,
בוימער שטעלען צום באַן.

הילכען וועט באַלד אין וואַלד
פון די קלעפּ פון די העק;
בירקע, סאָסנע און יעל
פאַלען וועלען פאַר שרעק.

11

עס גייט אַ שניי. מלאכים שטייען
אויף הויכע, גרויע וואָלקענס־דעכער.
מיט ברייטע רידלען אין די הענט,
און שפּרייטען גביריש נאָטס מתנות
אויף מארק און גאַסען, דעכער, ווענט.

און ס׳פאַלען שנייעלאַך, ווי בלומען,
אויף יונגע לאַכענדיגע מיידלאַך,
און אויף די פולע בעקלאַך פאַלען.
און דאָס לאַכען אין דער ווייטקייט
פון די גאַסען ווערט פאַרפאַלען.

און אינגלאַך מיט צעפראָר׳נע פינגער,
זיי מאַכען קוילען פון די בלומען
און צילען ערגעץ אין אַ וועט...
און טרעפען אין אַן אַלטען אידען,
וואָס גייט אַהיים פון שולכעל שפּעט.

12

דער ערשטער שניי

ווייסע, לייכטע קאַרשען־בליהונג
וואַרפט פון אויבען מיר דער הימעל, —
ווי אַמאָל פלעגט מיר דער מלאך
וואַרפען פערצינער פון באַלקען.

א ר ו ם מ י ל

פאַלען לאַנגזאַם אויפן קאָפּ מיר,
לייגען זיך אויף האַלז און נאַקען,
שטיל און צערטלאַך, — ווי די קושען
פון א גוטער, טרייער שוועסטער.

ליבער אָוועגט, שטילער אָוועגט,
שטילער ווינטער, זיי געגריסט!
דו דערמאָנסט מיר היינט מיין קינדהייט;
ווידער פיל איך זיך דערפרישט.

איך בין נאָך א חומש־אינגעל:
גיי ביינאַכט אהיים פון חדר;
אין דער האַנד א רויט לאַמטערנע;
אויף דער באַק דעם רבינ׳ס פינגער...

גייען מיר ארויס פון חדר,
דורך דעם קליינעם, פינסטערן פירהויז,
שטופּען מיר זיך אין דער פינסטער,
איינס דעם צווייטען גיט סטוסאַקעם.

פּלוצלינג — זע: א טאָג א נייער!
— עמיץ האָט די טיר געעפענט. —
וואָס איז דאָס פאַר ווייסע נאַסטען?
ווייסע דעכער? ווייסע מענשען?

ס׳גייט א שניי! אָ, פריילאַך, קינדער:
שוין א סוף מיט שוואַרצע בלאָטע.
גיכער לויפט אהיים, און — שלאָפען;
מאָרגען וועט א שליטוועג ווערען.

א ר ו ם מ י ל

מאָרגען וועלען גלעקלאך קלינגען,
בייטשען קנאַלען, האָרנס שאַלען;
דורכן שטעדטיל וועט דער פּריץ
אויף אַכאָטע מאָרגען פאָרען.

מאָרגען וועלען מיר זיך קייקלען
אינם שניי, און מענשלאַך מאַכען,
און פון חדר לויפען, ווארפען
זיך מיט קוילען, שטיפען, לאַכען;

און זעקס קליינינקע לאמטערנעס
אין א הורבע שניי צעשטעלען;
מיידלאך וועלען גיין — זיך שרעקען,
מיינען וועלפּישע אויגען ברענען.

ווייסע שנייעלאך און קאַלטע
שיטען זיך פון גרויען הימעל;
גלעטען, קושען מיר דאָס פּנים, —
ווי א גוטע ליבע שוועסטער.

גוטער אָוועגט, שטילער אָוועגט,
דו דערמאָנסט מיר קינדער־יאָרען.
זיי געגריסט מיר! — טויזענט דאַנקען
שיקט דיר איצט א מידער וואנד'רער.

13

סטראשנע צו פאָרען אין וועג היינט ביינאכט.
שטייט אָפּגעשלאָסען דער וואלד און פארמאכט;

א ר ו ם מ י ל

ליגט שווער דער הימעל דעם וואלד אויפ׳ן קאָפּ, —
סטראַשנע צו פאַרען אין וועג היינט בּאַנאַכט...

איז אזוי שטיל און אונהיימליך אזוי.
שלינגט איין דעם סטוק פון קאַפּיטעס דער שניי,
קלאַפּט נאָר מיין הארץ דורך דעם שווערען געוואַנט, —
איז אזוי שטיל און אונהיימליך אזוי...

„פורמאַן, דו האָסט מיך פאַרפירט אין א העק
„ס׳לויפט ניט אפילו קיין האָז דורך דעם וועג;
ס׳שווייגען די בּוימער און קוסטעס ארום; —
„פורמאַן, דו האָסט מיך פאַרפירט אין א העק!"

פּלוצלינג: פון וויטען א וואָיען זיך הערט.
צלמ׳ט זיך לאַנגזאַם דער פורמאַן, און שווערט:
„כ׳לעבען! עס נישטערן וועלף דאָ ניט ווייט..."
פּלוצלונג — פון וויטען א וואָיען זיך הערט...

שטעלען די האָר זיך קאַפּויר אויפן קאָפּ.
כראָפּעט דער פערד, און ער שטעלט זיך בּאַלד אָפּ;
קנאַקען וואו טרוקענע צווייגלאַך אין וואלד...
שטעלען די האָר זיך קאַפּויר אויפן קאָפּ...

14

„קרעשטשעניע"

טירען שרעקעדיג פאַרשלאָסען,
פענסטער בּלינד פאַרהאַנגען — — —
שטילע טריט און פרומע מינעס, —
הייליגע געזאַנגען.

לאנגזאם האָט זיך די פּראָצעסיע
דורך ז'ער גאס געצויגען;
הענט פאַרלייגטע אויף די הערצער,
קעפּ צו דר'ערד געבויגען.

טריט ביי טריט איז די פּראָצעסיע
ביז דעם טייך דערגאַנגען.
ווייסער שניי און גרינע בוימלאַך, —
הייליגע געזאַנגען.

זינגט דער גלח מיט די זינגערס,
ס'טוט דאָס פאָלק זיך קניען.
פלוצלונג האָט ווער אויסגעשאָסען, —
ווייסע טויבען פליען...

ווייסער שניי, פארשטילטע טענער; —
אומשולד — ווייסע טויבען.
מענשען שטייען שטיל באַצויבערט, —
אומשולד — ווייסער גלויבען.

אַרום מיל

1

ציטערדיג פון הימעל איז
א מלאך אַנגעפלויגען.
„מלאך, מלאך אויף דער וואך,
מאַך מיר צו די אויגען.

אַ ר ו ם מ י ל

האַלט דיין פליגעל איבער מיר
פאַטערליך צענומען;
עפען אויף די ברייטע טיר,
וועט שיין־חלום קומען.

וועט מיך נעמען אויף זיין האַנד,
וועט מיט מיר וואו פליען,
וואו די קינדער־מעשה׳לעך
אויף די ביימער בליען.

וועט ארומנעמען מיין האַלז,
וועט מיר וואָס באַווייזען
אין די טאָלען, אויף די בערג,
אויף די ווייטע רייזען.

וועט מיך צוטוליען צו זיך,
וועט מיר וואָס דערציילען:
— פון א מכשף, פון א שלאָס
און פון טיפע היילען.

פון א בת־מלכה וואָס שלאָפט
הונדערט יאָר דערינען;
הונדערט ריצערס זוכען איר,
קענען ניט געפינען.

האָבען זיך פון גלייכען וועג
לאַנג אראָפגעשלאָגען;
האָבען קליידער, האָבען שיך
ביז אין שטויב צעטראָגען.

א ר ו ם מ י ל

איך וועל זיין דער גליקליכער,
וועל די הייל אנטפלעקען;
אויפן שטערען מיט א קוש
זי פון שלאף אויפוועקען.

וועט דערציילן פיל און שטיל;
איך וועל קינדיש הערען.
דו וועסט, מלאך, אויפפאסען,
קיינער זאל ניט שטערען.

טרייב פון בעט דעם גרויען טאג,
טרייב פון בעט די זארגען.
מלאך, מלאך, גוטע נאכט;
קום צופליען מארגען."

2

„דער גרינער זומער איז געקומען.
לאמיר גיין אין וואלד שפאצירען;
איבער ווייכע בלעטער־סטעזשקעס
וועל איך מיין געליבטע פירען.

ווי די חיות׳לאך, די קליינע,
וועלען מיר א הויז דארט בויען;
עסען פאזימקעס און ניסלאך,
וואשען זיך מיט פרישע טויען.

גרינער מאך וועט אונזער בעט זיין,
בלויע נעבלען אונז׳רע דעקען;

ארום מיל

בעסער איידער מור און קטורת
וועלען אלטע סאסנעס שמעקען.

וועסט די צעפ, די דיקע, שווערע
אויף דיין ווייסען האלז צעלאזען;
ווי דורך זיידען־ווייכע גראזען
וועט א לינדער ווינטעל בלאזען.

זעסטו נים די בליצען לייכטען?
הערסטו נים די דונערס ברומען?
לאמיר שטארט און קראמען לאזען —
דען דער זומער איז געקומען.״

האט אזוי א אינגעל שלמה׳ס
שיר השירים אויסגעזונגען.
פון א פענסטער האט דער נגון
איבערן געסיל זיך צעקלונגען.

פון דעם הימעל איז א שטערען
אין דער ווייטקייט וואו געפאלען,
האט אן טייך זיך אפגעשלאגען
און צעשאטען זיך אין שטראלען.

3

עס דאכט זיך מיר: עס איז פארנאכטלאך,
דער הייסער זומער טאג קילט אוים.
איך ליג ביים וועג אין הויכע גראזען,
די זון איז נידעריג און גרוים.

אַ ר ו ם מ י ר

צוויי גוים האַקען היי ביים וואַסער.
אַ קצב פירט אין שטאָט אַ רינד.
אַ ווייבעל פּראַניקט וועש אין טייכעל,
פון ברעג שטרעקט הענטלאַך איר דאָס קינד.

איך וויים: אין חדר לאַכט זיך קיינעם,
דער רבי איז היינט אויפגעבראַכט;
ער האָט געשיקט מען זאָל מיך ברייננגען,
און קיינער האָט מיך ניט געבראַכט.

און מאָרגען וועט ער מיר שוין געבען...
ער וועט מיך אפשר שלאָגען אויך —
איך ליג ביים וועג אין הויכע גראָזען,
און צייל די וואָלקענס אין דער הויך.

4

הימלען טיף־בלויע, מיט גאָלדענע שריפט.
וואַסערען שטילע, אין בוימער פאַרטיפט.

נעכט פונם זומער, פול תאוה און לוסט;
רויט די לבנה, און היים איז די ברוסט.

פאָרט אויפן טייכעל אַ שיפעל אַרום,
זיצען צוויי מענשען דאָרט, נאָענט און שטום.

לויפט פאַרן שיפעל אַ זילבערנער שוים;
שטעלט זיך דאָס שיפעל אָפּ הינטער אַ בוים.

פאַלען צוויי שאָטענס אינאיינעם צונויף —
כאַפּט זיך אַ שלאָפענדיק פויגעלע אויף.

עפּעס אַ סוד האַלט פאַרבאָרגען די נאַכט.
אַזוי ווי אַ שומר, דער בוים שטייט און וואַכט.

5

די דאָרפ׳שע שול איז אויסגעבעט
מיט אויסגעטריקענט היי.
און טעפּלאַך שטייען אויף אַ טיש —
עס שטעקען ליכט אין זיי.

און פול איז זי, די דאָרפ׳שע שול,
פון טיר ביז אויבען־אָן,
מיט אַלטע לייט, מיט יונגע לייט
אין קיטלען אָנגעטאָן.

עס ווייט מיט שרעק אויף יעדערען
פון אָט דעם מתים־קלייד;
און טרערען קומען צו צום האַלז
גאָר ניט געבעט׳נערהייד.

און מאָדנע שטרעקען זיך די ליכט,
די ווייסע, אין דער הויך;
און מאָדנע ברענען זיי, די ליכט:
אי פרעמד אַזוי, אי בלייך.

עס פאַלט איינטאָניג, נאָכאַנאַנד
דער שרעקלאַכער על־חטא, —

א ר ו ם מ י ל

ווי ס׳פאַלען רידלען פרישע ערד
אין קבר אויף א ברעט.

אין מיטען האָט זיך א געשריי,
פון ווייבער־שול דערהערט:
פאַרלאָשען האָט זיך דאָרט א ליכט, —
אַן אומגליק איז באַשערט...

דערשראָקען זיצט די קרעטשמערקע,
דערשראָקען ביז צום טויט,
מיט אויגען אויסגעגלאָצטע צוויי
אויפן רויכערדיגען קנויט.

אומזיסט, אומזיסט די ווייבערס טרייסט
„דאָס האָט געטאָן דער ווינט...“
עס וועט זיך פעלען ווער דעם יאָר
אין קרעטשמערס הויזגעזינד...

6

צוריק פון דער חופּה

חתן־כלה פאָרט אהיים.
דוהע גלעקלאך קלינגען.
אויף די וועגען אָנגעזעצט
יונגע שיקסעס זינגען.

דריי פּאַוואָזקעס פאָרען דאָרט.
צונעפּוצט, געצוואָגען

אַרום מיל

יעדער פערדעל אין דעם שפּאַן;
בלישטשעט יעדער וואָגען.

ווי זיי קומען צו צום מיל,
צו דעם בריק דערלאַנגען.
קומען שקצים, מעהליגע,
מיט אַ שטריק אַ לאַנגען.

שטעלען זיך אוועק ביים בריק
און דעם וועג פאַרצאַמען;
נעמען אַלעמען אין פלען,
אַלעמען צוזאַמען.

ווערען וועגען אָפּגעשטעלט,
שטומען גלעקלאַך אַלע.
אַ דערשראָקענע, צעקלעמט,
זיצט אין פור די כלה.

ס'וועט ניט העלפען קיין געבעט
און קיין הייסע טרערען;
צינז די הערען פון דעם טייך
אָפּגעצאָלט מוז ווערען.

נאָר דער חתן הויבט זיך אויף
פון זיין אָרט געלאַסען:
נעמט אַרויס צוויי „פערציגער"
פון די הויזען טאַשען...

פאַלט די שטריק אַראָפּ אין זאַמד,
ווערען פרידלאַך אַלע.

די גזלנים ווינשען גליק
צו די חתן־כלה.

ווידער רירען זיך די פערד,
און די גלעקלאך קלינגען,
און די רעדער דרייען זיך,
און די שיקסעם זינגען.

7

„ע ר"

נאכט אין נאכט. די פערטע נאכט שוין
אין סטאדאָליע פון די קי
קומט דער „דאָמאָוויק" צופליען,
זאמט זיך דאָרט ביז אין דער פרי.

קיינער הערט קיין פרעמדע טריט ניט,
און עס סקריפעט ניט די טיר.
קומט אריין — די שענסטע בהמה
קלייבט ער אוים און רייט אויף איר.

אין דער פרי דערוויסט דער פויער
זיין האָדוליע דורך אין שוויים,
אויף איר לייב צוויי שפּאָרען צייכענס
איינגעגראָבען ביזן פלייש.

קיינער רופט ניט אָן זיין נאָמען
אָנשטאָט דעם — ווערט „ער" באַטאָנט:
און א פחד פאלט אויף יעדען
ווען עס ווערט פון „אים" דערמאָנט.

8

דער עקאָנאָם

אויפן הינטער־הויף — דער עקאָנאָם
מיט אויגען אויפגעפלאַמט און גרויס,
און ציטערדיגע קני, שטייט אָנגעבויגען
צו אַ מעלקערינס צעשפּרייטען שויס.

ער אָטעמט אָפּגעהאַקט, און גיט
אַ קניפּ דער מיידעל אין אַ ווייכען אָרט.
און זאָגט אַ צווייטער, גאָר ניט נאָך זיין ווירדע,
אַן אומגעלומפּערטען, פאַרשייטען וואָרט.

און צו דער ווייטער בלויער סקירדע
ניט זיך זיין הארץ אַ בויג, אַ ריס...
די שיקסעס לאַכען זיצענדיגע
ביים דר׳ערד, מיט ברייט צעשפּרייטע פיס.

9

ש ב ע ה

עס קומט דער טויט אריין אין הויז.
ער קומט ניט מיט קיין הינטער וועג,
און עפענט קיין באַהאַלט׳נע טיר —
און טראָגט פון שטוב אַ מענש אַוועק.

אין ווינקעל ברענט אַ קליינער לאַמפּ
און גיסט אַ שטילען שיין אַרום.
די שפּיגלען הענגען בעלמען־ווייס,
און פרעמדע מענשען זיצען שטום.

א ר ו ם מ י ל

עס דאכט זיך : פון א צווייטער שטוב
א האלב פארטויבטער קרעכץ זיך הערט.
א שטימע אין א פרעמדער שפראך
פאפיר און טינט־און־פען באגערט.

און פלעשלאך, גלעזלאך וואלגערן זיך
אויף פענסטער, וואנט־טישלאך צעזייט.
ווי כוסות נאך א מאלצייט נאכט —
עס איז געווען צו גאסט דער טויט.

10

א מארק

א פרישער ווינטעל בלאזט פון טייך.
דער גראז איז נאס געווארען.
אין מזרח שפאלט א פלאם א וועג, —
עס ווערט א טאג געבארען.

א האן האט דריי מאל אויסגעקרייט.
ס׳נעמט שוימען זיך דאס וואסער.
דער טייך ווערט ליכטיגער אלץ מער, —
דער הימעל ווערט אלץ בלאסער.

א הונט בילט אויף א ווייטער גאס,
א צווייטער האלט אים אונטער...
צום ברונען גייט נאך וואסער ווער, —
די לאנגע קייט קלינגט מונטער.

* * *

אָרום מיל

ווער טרובעט דאָס אין אַ טרומייט?
וואָס הערט מען גלעקלאַך קלינגען?
דער פאַסטוך קלייבט די סטאַדע אויף.
די יונגע קעלבער שפּרינגען,

די ציגען שאָקלען מיט די קעפּ,
די בהמות וואַזשנע טרעטען.
דעם פאַסטוכס האָרן שאַלט און שאַלט, —
וועקט קינדער פון די בעטען.

די קינדער שפּרינגען פריילאַך אויף
און פּאַטשען אין די הענטלאַך;
און דורך אַ לאַדען־שפּאַלט אַ שטראַל
באַלייכט די קאַמער־ווענטלאַך.

* * *

די זון שטייגט העכער, העכער אויף,
איר וועג ווערט ריינער, פרייער;
אַ האַלבע שטאָדט אין שאָטען ליגט,
אַ האַלבע שטאָדט אין פייער.

עס סקריפּעט וואו אַ פאַרטקעלע.
וואָס איז אַזוי באַגינען?
אַ הענדלער אײַלט זיך היינט צום מאַרק, —
ער לויפט צום ערשטען מנין.

אַ גערטנער פירט אַ וואָגען גרינס,
און האַלט זיך אָן אָן וואָגען;

א ר ו ם מ י ל

זיין אויג איז פייכט, זיין שווארצע באָרד —
פון מאָרגען-טוי געצוואָגען.

דער פערדעל טרעט. עס ווערט זיין טראָט
אין פייכטען זאמד פארשוויגען ;
דער וועגעל גייט אהער, אהין,
און האַלט זיך אין איין וויגען.

* * *

א קרעמעל עפענט זיך אין גאס,
עס בריאזגען די זאוואַלעס.
א בעקער טראָגט אין מארק אריין
א זאק מיט הייסע חלות.

דער אַלטער קרעטשמער איז אויך אויף,
ער עפענט ברייט דעם טויער.
פון ערשטען קונד דער שפייז-קרעמער
האָט שוין געלייזט א צווייער.

און ווייבער, ניט פארקאמטע נאָך,
ווי שטומע שאָטענס וואנדלען
מיט קוישלאך אין די דארע הענט, —
זיי גייען קויפען, האנדלען.

זיי גייען דורך דעם קליינעם בריק
צום גאָשצינעס אריבער ;
און, פון געוויינשאפט, גייענדיג,
שילטען זיי זיך איבער.
* * *

א ר ו ם מ י ל

א קלאָרער טאָג. אין זונען־שיין
די קלויסטער־צלמים גלאַנצען ;
און זונען־פלעקען אויף די ווענט,
די ווייס־געפאַרבטע טאַנצען.

עס קלאַפּען רעדער, הירזשען פערד,
עס קומען וועגען, וועגען ;
דער פויער פירט אין שטאָדט אריין
זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגען.

זיי פירען קעלבער, הינער, היי
און תבואה צו פאַרקויפען ;
די שטאָדט־לייט וואַרטען שוין אויף זיי
ביי טירען און ביי הויפען.

* * *

ביי יעדען טויער שטייט א וואָג,
ביי יעדער וואָג — דריי קונים ;
דער ערשטער שלעפּט דעם פערד ביים צוים,
אויף פוקעניש די שכנים.

דער צווייטער עפענט אויף דעם זאַק
און פּרובט א ווייץ צעקייען ;
דער דריטער לויפט צום שטאָדט־נגיד
א גמילות־חסד לייהען.

די ווייבער האַנדלען אויך ניט שלעכט, —
זיי קויפען, וואָלוועל, טייער ;

א ר ו ם מ י ל

געקויפט האָט ווער אַ הון אויף שמאַלץ
און ווער — אַ הון אויף אייער.

* * *

פון דאַוונען גייט אַן אַלטער איד,
אין האַנט אַ שווערער שטעקן;
פון בוזים טאַרטשען אים אַרויס
אַ רויטער טיכעלס עקן.

ער טראָגט זיין טלית־זאַק, און טרעט
פּאַוואָליע, מיט בטחון.
אַ מאַרק אַזאַ — קיין בייזע אויג! —
שוין ניט געווען זינט וואָכן.

און חדר קינדער לויפן דורך,
פאַרקאַמט און איינגעוואַשן;
זיי האַלטן ברויט און קעז, און אויך
אַ גרעשעל צו פאַרנאַשן.

* * *

און לאַנג האָט זיך דער וועגן־שנור
און אַן אַ שיעור געצויגן.
דער הימעל הייגגט אַזוי ברייט, אַזוי ווייט:
עס בלענדט די זון די אויגן.

אַ גוי'טשיק פירט אַ שוואַרצע רינד
ביים וואָגן אויף אַ שטריקעל.
אַ מעקלער קומט און שטעלט אים אָפּ:
וואָס ווילסטו פאַרן „שטיקעל?"

אַ ר ו ם מ י ל

ער טאַפּט די ראָזע אייטער אויס,
און פרעגט אים: „וויפיל יאָרען?“
„צייל איבער“ — ענטפערט אַפּ דער גוי —
„די קארבען אויפן האָרן“.

* * *

עס הירזשען פערד. דער סאָטסקע שילט;
די זונטאָג־גלעקער קלינגען;
און אויף דעם קלויסטערס ברייטע טרעפּ
קלעבאָנער בעטלער זינגען.

ניט איין באַווייבטער איד האָט היינט
ביים דאַוונען צוגעאיילט זיך,
און ניט איין אידיש עופה'לע
האָט פון פרי אָן צעביילט זיך.

די הייזער לעער, די שולן פוסט,
די גאַס האָט די הכנסה;
דער גאַנצער מארק — איין שיינס; עס שמעקט
מיט בראָנפען און פרנסה.

עס טראָגט זיך אין דער לופטען אום
פון קולות אַ געווימעל.
און אַלץ איז פרידליך, אַלץ איז גוט
אונטערן בלויען הימעל.

* * *

מיין ווייטע שטערטעל־היים, ווי וואָלט
איך איצט צו דיר געפלויגען;

ווי לעבעדיג און גאָלדיג־העל
דו שטייסט פאר מײנע אויגען.

אין רויש פון דער באַלעבאַטער גאַס
דײַן אָפּקלאַנג הער איך דרינגען:
דעם שיכור׳ס וויינענדיגע ליד,
דעם קלויסטערס פרומען קלינגען.

ווי גרינג וואָלט איך, מײַן היים, פאַר דײַן
צעבראָכען שוועל געקניט זיך,
און אויף דײַן ווייכען, וואַר׳מען זאַמד
כאָטש איינמאָל אָפּגערוט זיך...

11

אַ זומער־נאַכט

א שווארצע נאכט. דער זייגער ווייזט
די צוועלפטע שעה, די האלבע נאכט.
איך ליג אין בעט, אין האנט א בוך;
ביים בעט א טישעל מיט א לאָמפּ.

צופוסענס ליגט די שארע קאַץ.
די שארע קאַץ, זי איז שוין אַלט
אזוי ווי איך, און אפשר מעהר.
זי איז מײן פריינד; זי עסט פון האנט
און דרעמעלט איין אָפּט אויף מײן שוים,
און אויף דער נאכט, ווען ס׳פינסטערט זיך,
פאר׳גנב׳עט זוכט זי אויף מײן בעט

א ר ו ם מ י ל

און לייגט צופוסענס זיך אוועק
ביי מיינע פיס און ווארימט זיי.
מיין פוס־זויל פילט, ווי ס׳בלאזט זיך אויף
איהר קליינעס קעציש קערפעריל
און פאלט צוריק צונויף. מיר ווערט
אי גוט, אי אומהיימליך אזוי...

* * *

די נאכט איז בלינד, די נאכט איז שטיל
נאר פון דעם נייעם וואסער־מיל
זיך הערט א סטוקען, רודערן:
צוויי מאל־שטיינער באגעגנען זיך
און שיידען זיך, און שלאגען זיך
צונויף און שפרינגען ווידער אפ.
און ס׳הערט זיך אויך א דומפער רויש:
א וואסער־שטראם זיך גיסט און גיסט
און ס׳בראדזשעט אין דעם וואסער־שטראם
דאס וואסער־ראד — אן אלטער מאן,
מיט פיס און שיך צעפארענע,
מיט בארד און האר צעלאזענע,
און סאפעט שווער און הוסט און ניסט,
און שפריצט מיט קאלטע טרערען־נעץ. —
ווער טרייבט דעם זקן דאס ארום?

* * *

איך ליג אין בעט. עס שלאפט די שטוב.
אין דארף שלאפט יעדער גוט ביי נאכט;
פון מיר נאר לויפט דער שלאף. איך לעז
אן אלטען בוך. דארט ווערט דערציילט,
ווי ס׳האט אן אלטעס פאלק געקעמפט

א ר ו ם מ י ל

פאַר האָב און גוטס, פאַר ווייב און קינד,
און מערער נאָך — פאַר לאַנד און גאָט.
און ס'ווערט די שטוב — ניין, ניט די שטוב —
אַן אַלטע גרויע פעסטונג־וואַנט —
מיט שטרייטער פול און ס'קלינגט אַ שפּיז
אַן גליטשיג־האַרטען פּאַנצער־שטאָל;
אַן קיווער שלאָגט אַ שווערד זיך אָפּ;
אַ האַנט רייסט אָפּ פון אַקסעל זיך —
אַ בלוט־גוס הייס און רויט... אַ קנאַל
אין וואַנט געטאָן האָט דער „באַראָן",
און עמיץ מיט אַ פייער־קין
לויפט דורך... עס ברענט... איך ווער אַליין
אין שטרייט אַריינגעשלעפּט... איך ברען...

— — — — — — — — — — — — —

איך הער ניט, ווי דער זייגער שלאָגט;
איך זע ניט, ווי אין דרויסען טאָגט...

* * *

דאָך פלוצלינג טונקעלט זיך דער לאָמפּ — —
קיין פרעמדע האַנט דעם קנייטעל האָט
ניט אויסגעדרייט; אין מאַגאַזין
איז אויך ניט גאָר דער נאַפט פאַרצערט;
דאָך בלייבט זיך אַלץ דער שיין. איך קער
מיין בליק צום פענסטער אום — עס טאָגט.

* * *

דער טאָג שטייט אויף. ער האָט געלייגט
זיין קלאָרע האַנט אויפן שווארצען גלאָז,
און ווייס געוואָרען איז די שויב.

א ר ו ם   מ י ל

ווי טיפע ריצען אויף א האנט,
זיך צווייגלען רעמלאך הין און הער;
און ווייטער דורך די פענסטער זעט
זיך טונקעל־גרינע גראָז און זאמד,
ווי נאָך א רעגען, ברוין און שווער.
געקומען זיינען ביי דער נאכט
די טייך־מיידלאך מיט פייכטע האָר
און נאסע פיס, און מיטגעבראכט
צו הויפענס וואסער אין די הענט
און איינס דאָס צווייטע אָפגעשפריצט
און איינס דאָס צווייטע אָפגעשפיצט,
און אויפן גראָז ארומגעטאנצט
און לאנג געקייקעלט זיך אין זאמד.

* * *

פון קאמער, וואו דער טאטע שלאָפט,
דערהערט א שטילעס שאָרכען זיך:
א סקריפ פון בעט; א מעסטעס פאָר
האָט זיך אָן דר׳ערד א שאר געטאָן;
א שאָרשען פון אן אטלעס־צייג,
עס ווערט א בגד אָנגעטאָן.

* * *

דער טאטע קומט ארוים; און בלייך
איז זיין געזיכט; די אויגען האלב
נאָך צוגעמאכט; די לאנגע באָרד
איז ווי א שלעכט פארשפיצטער קלין
אביסעל אויף א זייט געבויגט.
ער קומט צום טיש, און אָן א וואָרט

א ר ו ם מ י ל

אין לאָמפּ דעם קניטעל דרייט ער אוים,
און גיט דערצו אין גלאָז א בלאָז,
אום זיכער מיט דעם טאָג צו זיין.

* * *

עם גרויען וועגט. די ווינקלען שטוב
אין חשך ליגען נאָך פארטונקט.
דאָך טארטשט ארוים דער געלער שראנק,
דער ברייטער קלייד־ און ספרים־שראנק,
צוויי טאבורעטקעס, הויך און שלאנק,
וואָס זיינען נאָך פון נעכטען נאכט
געבליבען שטיין אין מיטען וועלט,
ניט הין, ניט הער, ווי בוימער צוויי,
וואו ס'איז ניט וואלד און איז ניט פעלד;
און שווארץ און שארף, ווי שפּיזען־שטאָל,
פון ציפערבלאט דאָס ווייזער־פּאָר
זיך לייכט ארוים, און ו ו י י ז ט און שטעכט
די אויגען מיר: ס'איז שוין נאָך פיר!

* * *

איך עפען אויף דאָס פענסטער שטיל,
איך קוק ארוים צו מערב־זייט:
אנטקעגען שטייט דער נייער מיל
און, ווי אין פלאמען איינגעטונקט,
שיינט ראָזיג־רויט זיין שינדל־דאך
און טריקענט זיך. אין מיטען דאך
איז דאָ א פענסטערעל; פון דאָרט
א מילנערם מעל־באשטויבטער קאָפּ

א ר ו ם מ י ל

טאַרטשט וויים אַרוים, און שיינט און לייכט
מיט אויגלאַך בלינד־פאַרזשמורעטע.

* * *

אין פלאַכע ברעגען ליגט דער טייך,
ווי זילבער, הייס־צעלאָזענער.
אי פעט, אי גלאַט, — אַן ענטעל־פּאָר
שווימט שטיל אויף אָנבייסען אהיים.
און ס׳רויטלען אין דעם וואַסער זיך
די לאַפּקעס דינע שווים־הייטלאַך;
און ס׳שפיגעלט זיך אין וואַסער אָפּ
א צווייטע פּאָר, און ס׳דוכט זיך אוים;
אַן ענטעל אויף אַן ענטעל זיצט,
אַ בויך זיך טוליעט צו אַ בויך,
אַ שנאָבעל אין אַ שנאָבעל פּיקט.

— — — — — — — — — — — — —

און שפּיצען־לאַנגע פּאָכערס צוויי
זיך ציען נאָך דעם צווילינג־פּאָר.

* * *

און ליכטיג איז דער טייך, און טיף,
ווי הימעל טיף, ווי הימעל־בלוי.
און אויפן סאַמע גרונט פון טייך,
אויפ׳ן טונקעל־בלויען הימעל גרונט
אַ פוכיג־ווייסער וואָלקען ליגט
און הין און הער זיך וויגט און וויגט. — — —

— — — — — — — — — — — — —

א ר ו ם מ י ל

12

לאנג איז דער ווינטער אין שטעדטעל געשטאנען.
מענשען ווי חיות זיך האבען געוויקעלט
אין האריגע פעלען, געקרייזעלטע פעלצען.
שווער אין דער פינסטער פלעגט זיין אפצושיידען
א מענש פון א חיה, א מענש פון א בהמה ;
ארימע האבען ווי שעפסען, באראנעס
אויסגעקוקט ; רייכע — ווי בערען און פוקסען.
אנדערע ווידער צוזאמענגעשטעלטע
פון אלערליי חיה'לאך — אומריינע, קליינע,
פון מינקען און טכוירען, פון סויבעל און מארדער,
איינג אויפגעהעפטע, צוזאמענגענייטע.
אידען מיט אידען זיך ווייניג גע'חבר'ט
האבען אויף יענע פארפרוירענע גאסען,
איטלאכער איז מיט זיין סטעזשקע געלאפען,
פון ווינטען געטריבען, געבריט פון די פלאמען
פון ברענענדען פראסט. ניט געווארט, ניט געשטעלט זיך.
מיילער און אויערן טיף איינגעבאוועט
אין די היים האריגע פוטערנע קעלנער ;
אויערן דארפען אום ווינטער ניט הערען,
מיילער אום ווינטער באדארפען ניט ריידען.
אבער דערפאר פלעגט זיך טריט-לשון הערען.
טריט פלעגען סקריפענדיג מעשיות דערציילען.
פויערשע שטיוועל און מיידעלשע שיכלאך,
סוחר'שע וואליקעס ווייסע און ברוינע,
האריקע, נאקעטע, אדער באדעקטע
מיט א פעט קלעפיגען יוכט און מיט זיילען
און האלב נגיד'ישע ריגער קאלאשען,

א ר ו ם מ י ל

אַפּטע געשפּרעכען, אי ווייכע, אי האַרטע,
פּלעגען דעם טאָג ביז אין אָוונט־טיף פירען.

אָנהויבען פּלעגט זיך געוועגליך פרימאָרגענס.
הימלען גלוט־רויטע, ווי ריזיגע וועלדער
וואָלט ווער פאַרטאָג צוליב קעלט אָנגעצונדען.
פּלעגען אַ ליכטיגען ראָזיגען אָפּגלאַנץ
וואַרפען אויף שנייאיגע דעכער, צאַרט שמויסענע
היטלען, אויף איינציגע, נאַקעטע בוימלאַך.
וואָס אויף אַ גוי'ישער געסעל וואו פרוירען ;
דעמאָלט צוערשט פּלעגט אַ קרעכץ זיך דערהערען
פון אַ צעטראָטענער ווייבער פּאָדעשווע —
איילען צום טישעל אין מארק פּלעגט אַן אַלטע
זיצערקע אין דעם מאַנס יוכטענע שטיוועל
און פיל באַדייטען דער איינציגער קרעכץ פּלעגט :
„אויף עלטערע יאָרען, די קינדער צעפּאָרען
אין ווייטע מקומות, אַליין איר געלאָזען
מיט דעם געשוואָלענעם „טאַטען" וואָס לייגט זיך,
ווי עס קומט אָן נאָר דער ווינטער, אין בעטעל.
איינע — דאַרף זי אים באַזאָרגען און צוזען,
אָנקליידען מאָרגענס און וואַסער דערלאַנגען,
מאַכען דעם אויוון און אָנגרייטען עסען ;
קינדערלאַך מיינע, אויף וועמען געלאָזען
האָט איר אונז אַלטע ?..." מוז מיינען דאָס קרעכצען.
באַלד ענטפערט אָפּ אים אַ קוויטשען פון שיכלאַך.
לויפט אַ האַלב נאַקעטע מיידעל צום בעקער
איינקויפען קוכענס און זעמעלאַך פרישע,
ברייגגען פון שפּייז־קרעמעל צוקער און פּוטער,
האַלענדער קעז און געריוכערטע הערינג :

אָ ר ו ם מ י ל

פרי אויפגעוועקט האָט דער דינסט די ננידה.
איר ניט געגעבען די נייע פּאַטשיילע
אַנטאָן — עס וועט זיך מיט הערינג נאָך הערען ;
איר ניט געלאָזען די טיפע קאַלאַשען
אַנטאָן — ביים בעקער דער הויף איז אין רודעס.
פישטשען און וויינען די שיכלאַך, באַדייט עס :
„ערשט פאַר־אַ־יאָרען געלעבט האָט די מאַמע,
זעמעל מיט פּוטער אליין נאָך געגעסען,
אליין ביי אַ מאַמע אַ קינד נאָך געוועזען,
אונטער אַ ווארימער קאָלדרע געשלאָפען,
קישעלאַך ווייסע געלייגט זיך צוקאָפּענס.“
ענטפערט אַ סקריפּען פון ריגער קאַלאַשען.
לויפט מיטן טלית אין שולבעל אַ קרעמער :
„גאָט מיינער, גאָטעניו, וואָס וועט דער סוף זיין,
נעכטען אַן אַקט האָט געמאַכט דער אַקציזניק,
זומער אַ שׂרפה און ווינטער אַן אָנזעץ,
צעשטאַרבען די אַלטע, די יונגע צעלויפען.
גיי צאָל אוים וועקסלען, גיי קויף אויס סחורה.
מאָנען מלמדים שכר־לימוד פאַר קינדער,
מאָנט אויך די עלטערע מיידעל אַ חתן,
גאָטעניו ! גאָטעניו !“ — זיפצען קאַלאַשען.

מערערע, אָפטערע ווערען די קולות,
פרעגען און ענטפערען, וויינען און רופען ;
שילטען זיך, בעטען זיך, שרייען און לעסטערען.
יעדער געהאַט האָט זיין אייגענעם לשון.
יעדער זיין טאָן האָט פאַרמאָגט, דאָך עס ריידען
אַלע צוזאַמען, דער מאַרק און דער שול־הויף,

ארום מיל

געסלאך און ברודיג געוואָרענע סטעזשקעס,
קריגען זיך, אמפּערען, רייסען זיך, גרילצען,
ווי אויסגעטריקענטע שצירינגע ציינער...
גלייך ווי אַ שאַרף־שטיין, וואָס פאַלט אויף די קאָסעס
זומער אין הייסע און דאַרשטיגע אב טעג;
גלייך ווי די פייל, וועלכע פאַרט דורך די ציינער
פון זעגערשע זעגען, און מאַכט אונז דעם אויער
ווי טאָן, צו שווידערען מאַכט אונז די קנעכלאַך.
שטייט נאָר דעם טאָג דער יריד פון די קולות,
שטייט ביזן אָוונט און הויבט זיך אָן לעשען,
ערשט ווען אין פענסטער די לאָמפּען און ליכטלאַך
הויבען אָן ברענען, אין הימעל די שטערען
צינדען זיך אָן, ווי לאַמטערנעס מיליאָנען.

ערשט ווען די פייערלאַך צינדען זיך אָנ'עט
ווערען די טריט־קולות שיטערער, שטילער,
שלעפּען זיך איינציגווייז מידע פאַנאַנדער
אין געסלאַך, אין הויפלאַך, און רייסען זיך איבער
ווער אין אַ מיטען געשפּרעך מיט אַן אויסרוף,
ווער מיט אַ פראַגע און וואַרט אויף אַן ענטפער.

— — — — — — — — — — — — — — —

גוי'אישע פורלאַך אַזוי נאָך אַ מאַרקטאָג
טרייבען זיך שכור'ע אום אויף די וועגען...

ל י ט ע

1

מאך אויף אַ בוך
מיט אַלטע בלעטער, אַלטע מעשיות
פון לויטער קעניגליכע פּרינצען,
פון ווייעדמעס וואָס אויף קוליעס טאַנצען,
פון פרומע וועלף, בריליאַנ׳טנע היילען
וואָס ציען זיך אויף זיבען מיילען. —
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגען גיסט.

קלינג אָן און רוף,
און קומען וועלען גוטע ברידער,
מיט שמייכלען אויף די רויטע ליפּען,
און ברייגגען רויטען וויין צוטראָגען,
און וועלען מיט די בעכער קלינגען,
און וועלען יוגענד־ליעדער זינגען. —
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגען גיסט.

שטעל אויף די בעט,
מאך לויז דעם טונקלען פענסטער־פאָרהאַנג,
און שלאָג אויף הויך די ווייכע קישענס,
און מיט באַטריבטער זעל און גלידער
פאַרזינק זיך אין דעם פוכען־אָפּגרונד
און לאָז די טרערען רינען, רינען...
אַ רעגען גיסט...

2

ליטע, מיין שטויביגע ווינעל,
ליטע, מיין אָרימע לאַנד;
שיטערע, נאַקעטע וועלדלאַך, —
פעלדער, פאַרטראָגען מיט זאַמד.

אָרים אין בוימער, און בלומען, —
ביזטו מיט לאַנגווײַלע רײַך.
גרילצט אין די קאָרען דער היישריק,
קוואַקען די זשאַבעס אין טײַך.

ליטע, מיין שטויביגע ווינעל,
ס׳נעמט מיך אויף דיר אַ פאַרדראָס:
שילטען, — ווי טאָר מען, אַ מאַמען?
בענשען — ניטאָ דיך פאַר וואָס...

3

נעם איך זיך מיין היים דערמאָנען,
שווימען מיר אַרויס אַנטקעגען:
פלאַכע פעלדער, זאַמד־באַדעקטע,
געלע, שלעפערדיגע וועגען.

פלאַכע פעלדער, פלאַכע בערגלאַך,
אָנגעוואָרפענע באַזונדער.
הינטער יעדען בערגעל זוכען
פלעג אומזיסט איך מעשה־וואונדער.

פלעג אומזיסט אין יעדען וועלדעל
וועלען האָרנס שאַלען הערען,

און אין יעדער לוזשע זוכען
די לבנה און די שטערען.

פלאַכע פעלדער, צו פרי האָט איר
זיך געלאָזט צו מיר דערקאָנען;
ווערט מיר פוסט אין הארצען — האָב איך
גאָרניט וואָס זיך צו דערמאָנען...

4

אונזער לאַנד איז גרוי און אָרעם.
אונזער הימעל — בלייך;
שמאָלע, הויקערדיגע וועגען
קייקלען זיך, ווי רויך.

פעלד מיט שטעכעדיגע שטיינער,
אַנשטאָט ווייץ, פארזייט;
דערפלאַך, מיט צעפוילטע דעכער,
דאָ און דאָרט צעשפרייט;

וואו ניט וואו נאָר א בעריאָזע,
ביי א וועג אליין;
און א קרעצעדיגער בעטלער
רוט אָפּ אויף א שטיין.

5

שפרייטען, שפרייטען זיך אוים פעלדער,
פעלדער אָן א ברעג;
ציען, ציען טעג און וואָכען,
וואָכען אָן א צוועק.

א ר ו ם מ י ל

היינגען בלויע הימלען־ימ׳ען,
ימ׳ען אָן א גרונד, —
וואָס האָב איך פון יונגען לעבען,
לעבען און געזונט?

פעלד און הימעל, און קיין איינציג,
איינציג מענש צו זען. —
וואָס וועט נאָכן טאָג דערמאָנען:
ס׳איז א טאָג געווען?

6

מיין ניט אז דער שיינער הימעל
וועט זיך קיינמאָל, קיינמאָל בייטען:
קומען וועט דער אכזר־ווינטער
אויף א שניי־וואָלקען צורייטען;

אין די פינסטער־בלויע אָרעמס
וועט ער האַלטען ווייסע ריטער,
און וועט שטעכען מיט זיי אויגען,
און וועט שמייסען ביטער, ביטער.

הארטע, קאַלטע האָגעל־פינגער
וועלען אויף די שויבען קלינגען;
און די בלייכע זאווערוכע
וועט א לאנגע ליד לאנג זינגען.

דו וועסט זיצען און וועסט הערען,
אין א ווינקעלע פארשלאָגען;
און דאָס הארץ וועט אין דיר קלעמען,
און דאָס הארץ וועט אין דיר קלאָגען.

אין חודש מערץ

1

אין חודש מערץ ניט גיי אין געסט . . .
וועסט זיך פאַרזיצען ערגעץ שפּעט.
די הויזגעזינד וועט דיך באַפאַלען
מיט גוטע רייד
און וועט פאַר דיר אַ בעט אויפשטעלען
מיט ריינע בעטצייג.
פון פרישקייט
וועלען זיך די טשיכען ברעכען.
און דו, אַ „מערץ" געפאַנגענער,
אַ גאַנצע נאַכט וועסטו ניט שלאָפען
וואַכענדיגערהייט
נאָך מאַליעס דינע
און צעלאָזטע צעפּ.

* * *

און מאָרגען גאַנץ באַגינען,
מיט אויגען איינגעפאַלענע,
מיט אַן אָנגעשוואָלען האַרץ
וועסטו זיך שלעפּען... אַהיים...
מיט דעם קאַלטען וועג...

2

האָט זיך מיר גע'חלומ'ט :
רעגען, קעלט און ווינט ;
און דער וועגעל טראָגט זיך
מיטן שטורם־ווינט.

א ר ו ם מ י ל

קומט פארביי א שטיבעל.
פון א פענסטער בליצט
העל ארוים אַ לעמפעל,
און א מיידעל זיצט

ביי אַ קליינעם טישעל;
אָפגעצערט און בלאַס.
בעקלאך איינגעפאלען,
אויגען — גרוים און נאַס.

אָפשטעלען מיר ווילט זיך,
אַנקלאַפּען אין טיר,
פרעגען איר: וואָס מאכט זי?
צי דערקענט זי מיר?

טראָגט מיך ווייט און ווייטער
אין וויסטען פעלד אליין.
מיידעל, לאָמפּ און שטיבעל
בלייבען הינטען שטיין.

3

איינמאָל האָב איך מיין געליבטע
אויף אַ גאַס דערזען, —
בלויז איר בלאָנדען צאָפּ, דעם לאנגען,
בלויז איר צאָפּ דערזען.

לאַנג בין איך איר נאָכגעגאנגען,
אפשר באַלד א שעה,
כאָטש געוואוסט האָב איך: מיין ליבסטע
איז גאָר דאָ ניטאָ;

כאָטש געוואוסט האָב איך: מיין ליבסטע
וואוינט וואו אין אַ העק;
האָט אַ מאַן, אַ קראָם מיט סחורה,
זיצט אָפּ דאָרט די טעג;

און דער צאָפּ איז אויסגעקראַכען,
און איר קאָפּ איז גראָ; —
בין איך לאַנג איר נאָכגעגאַנגען,
אפשר באַלד אַ שעה...

4

איך בין אין מיין ליב-שמאָלער געסעל.
אָט שטייט נאָך די זעלביגע הויז,
ביים טיר נאָך דער זעלביגער גאַניק,
פון פענסטער דער לאָמפּ קוקט ארויס.

ביים טיש זיצט דער זיידע, די באָבע.
אַ טעלער פּאַר יעדערען שטייט;
די אייניקעל פעלט נאָר אין מיטען —
דאָס האַרץ מיר פאַר ביינקשאַפט צעגייט.

וואו איז זי, די אייניקעל, איצטער,
אין וואָס פאַר אַ שטאָט, פאַר אַ הויז?
ווער קוקט איר אריין אין די אויגען?
ווער קושט איר די ליפּעלאַך אויס?

די מיידעלע איז שוין אַ מאמע, —
אויף קעסט ביי אַ שוויגער און שווער.

זי זיצט דאָרט ביים טיש און עס פאַלען
אין טעלער אַ טרער נאָך אַ טרער.

אין נעסעל איז פינסטער און איינזאַם,
קיין איינציגען מענשען צו זען.
און ווידער שטיי איך פאַרן פענסטער,
אַזוי ווי אַמאָל, ווי געווען...

5

זיץ איך ביים פענסטער און קוק אין דער ווייטקייט
ווי שנייעלאַך פאַלען און פאַלען.
גאָט האָט זיין מחנה געשיקט פון דעם הימעל,
זיי זאָלען די שטאָט איבערפאַלען.

קומען פון מזרח און מערב צושוועבען,
פון צפון און דרום צולויפען;
האָבען דעם מאַרק און די גאַסען פאַרנומען,
באַזעצט אַלע געסלאַך און הויפען.

האָבען צעזעצט זיך אויף דעכער, קאַרניזען, —
קיין איינציג הויז אויסען געבליבען; —
האָבען פאַריאָגט פון דער גאַס אַלע אינגלאַך,
די מיידעלאַך אַלע פאַרטריבען.

אינגעלאַך, מיידעלאַך, שרעקט זיך ניט קיינער,
דאָס האָבען די טאַטעס געבעטען:
גאָט זאָל מיט שנייעלאַך ווייסע און ווייכע
די גאַסען, די וועגען אויסבעטען.

אָרום מיל

האָט זיך דער פּאָטער אין הימעל דערבאַרעמט
און האָט זיי געטאָן דעם פאַרלאַנגנען:
אויסגעבעטע גאַסען און ליכטיגע בעט־צייג
אַריבער די זומפּען פאַרהאַנגנען.

בעטגעוואַנט ווייסע, ערשט פריש אויפגעשלאָגען,
נאָך קיינער אויף זיי ניט געלעגען;
איז נאָר א שאָד וואָס פּאַלאַזעס פון שליטענס
אין זיי וועלען איינשניידען וועגען.

איז נאָר א שאָד — — ווי דער וועג וועט נאָר ווערען,
באַלד וועלען זיך שטעלען יאַרידען;
גוים פון נאָענט און ווייט וועלען קומען
און שליאַכטעס און פּריצים און אידען.

וועלען זיי געבען צו לייזען פאַר סחורה:
פאַר וואָליקעס, פוטערס און פּעלצען
און פאַר פּופּאָנעס, כאָמאָנטען און גלעקלאַך, —
אין געלט וועט די שטעדטיל זיך שמעלצען.

וועלען זיי קויפען געוואַנט און קאַלאָשען
און הויכע באַראַשקענע היטלען;
וועט אייך א גוי אויף זיין שליטעלע נעמען
און וועט אראָפּ גאַס מיט אייך שליטלען.

גוי׳עס — קאַרטונען און ציטץ וועלען קויפען,
פּאַטשיילקעס און אַלערליי רעשטען.
אידישע מיידעלאַך וועלען די מאַמעס
ארויסהעלפען פלינק ביי דעם מעסטען.

האָט זיך דער פּאָטער אין הימעל דערבאַרעמט
און האָט זיי גענומען דעם פאַרלאַנגען.
עך... וואָס האָב איך זיך צעשריבען — עס איז מיר
פאַר קעלט אין די פינגער פאַרגאַנגען.

אינגעלאַך, מיידעלאַך, האָט קיין פאַריבעל,
איך וועל מיר די הענט נאָר דערוואַרמען.
נאָכ'ן וועט נאָך שיקען געזונט און פּרנסה,
גאָט וועט איבער אונז זיך דערבאַרמען.

6

צווישען דאָרף און שטאָט, אין אַן אַלטער שטיבעל,
האָט מיין מאַמע מיך, איר לעצטע קינד, געבאָרען,
אויף די ברייטע וועגען וואָגלען מיינע בליקען,
אויף די ברייטע וועגען האָב איך זיך פאַרלאָרען.

אויף די ברייטע וועגען וואָגעל איך און צווייפעל,
צווישען רויש און רו — און קען זיך ניט ענטשיידען.
דאָרט — דער זינגער־טאָג, און דאָ — דער טרוימער־אָוונט,
שטיי איך אויפן וועג, גערופען פון זיי ביידען.

צווישען דאָרף און שטאָט, אויף אַלט־באַקאַנטע וועגען,
האָבען מיך חלומות אומגעפירט די נאַכט;
נאָך האָב איך די הויכע טאָפּאָליען און געלע
פעלד־בלומען געזעהען ווען איך האָב ערוואַכט.

צווישען דאָרף און שטאָט, צווישען גראָז און אַספאַלט
טאַנצט ארום מיין האַרץ, מיט ביידען זיי פאַרנומען.
צווישען דאָרף און שטאָט, אויפן ברייטען שליאַך־וועג,
ביי א גרויען פעלד־שטיין, וועט מיין נאַכט אָנקומען.

נעכט

צווייטער טייל

I אַ נייער טאָג

II דו ביזט געזעסען

III ווייל איך וויל רוען

IV אַ דורכגייער האָט דאָ גערוט

V פון אונזער ליבע

VI ראָמאַנסן

VII גלייך ווי אַ פויגעל

אַ נייער טאָג

1

פיל איך האָב זי ניט בארואיגט,
פיל איך האָב זי ניט געוויגט, —
ווייל מיין הארץ ניט רואיג שלאָפען,
איז זי אלץ נאָך ניט פארוויגט.

ווי א קינד, וואָס האָט זיך פּלוצלינג
אויפגעכאפּט אין מיטען נאכט,
ווארפט עס מיט די קליינע פיסלאך,
פאר זיך וויינט עס, פאר זיך לאכט.

טאטע־מאמע שטייען אויפ׳עט,
צינדען א קליין לעמפּעל אָן;
טאטע האָט דעם טאָג געהאנדעלט,
מאמע האָט אין הויז געטאָן.

איז דער טאטע בייז און מורמעלט,
מאמע שלאָגט דאָס קינד אומזיסט; —
דאָך אין ביידענס אלטע הערצער
א באהאלט׳נע שמחה פליסט.

2

א נייער טאָג?! — ניין: אנגעצונדען
האָט זיך אין געסעלע א שייער;
און האָב און גוטס געזאמעלטע
וועט צונעמען דער פייער.

אָט קייקלען זיי זיך אין דער הויך,
די פייערדיגע וואלען;

נ ע כ ט

עס שטירצט דער דאַך און איינציגווייז
די באַלקענס פאַלען, פאַלען.

אַ שוואַרצער רויך — דער גאַרבען טאָרף
האָט אויך זיך אָנגעצונדען;
און מיט דעם טויבען־שלאָג איז אויך
די טויבען־פּאָר פאַרשוואונדען.

און רויטע בלעטער שטרעקען זיך
פון פייער־רויטע פלאַנצען;
און קינדער פרייען זיך מיט זיי,
און וואַר׳מען זיך, און טאַנצען.

אומזיסט האָט זיך דער טורעם־גלאָק
צעקלונגען און צעשריען;
אומזיסט געקומען זיינען אויך
די פייער־לייט צופליען...

און האָב און גוטס געזאַמעלטע
דער פייער וועט פאַרצערען;
און אונזער אָרים געסעלע
וועט אָרימער נאָך ווערען.

3

איז אַ שטערען אויפגעגאַנגען
אויף מיין הימעל? איז עס וואָהר?
אָדער נאָר אַ נייער פּאַלבעל
אין דעם מוח פון אַ נאַר?

שטערן, שטערן, ביזט פאראנען?
זאָג מיר, ענטפער, ניט באהאַלט! —
נאָר א שטערן האָט קיין ווערטער,
ס'טוט א שטערן נאָר און שטראַלט.

4

כ'בין אָן שלאָף די נאכט געלעגן
און מיט טאָג־גלייך אויפגעשטאנען,
און אוועק די ביכער פרעגן:
איז א האָפנונג נאָך פאראנען?

ביכער אַלטע, ביכער קלוגע,
בלעטער געל און גרין געוואָרען, —
שטייט געשריבען אין די ביכער:
וואָס פארצערט, דאָס איז פארלאָרען.

5

איך, אן אורח, א פארזאמטער,
שטיי געבויגען פאר דיין טיר:
אויב דיין הארץ איז שוין צעגעבען,
שיינק א חבר־אָרעם מיר.

כ'וועל דיין חסד ניט פארגעסען,
אייביג בענשען וועל איך דיר;
פון אן אָרימאַן א ברכה
ברייגנט די שפע צו דער טיר.

6

דיין טיר האָט א שלאָס און א ריגעל,
דיין פענסטער איז הויך פון דער ערד;
געקלאפּט האָב איך לאנג און געקלונגען —
און האָב ניט קיין ענטפער געהערט.

וואו ביזטו, וואו ביזטו געוועזען?
צי האָט דיר דיין הארץ ניט געזאָגט,
אז הארט ביי דיין טיר, אויף די טרעפּען,
א הארץ וואלגערט אום זיך און קלאָגט?

7

געשלאָגען האָט מיין הארץ ווען איך
בין צו דיין הויז געגאנגען,
אזוי ווי ס׳וואָלט דער וועלט־זייגער
אין ברוסט ביי מיר געהאנגען.

ווען כ׳בין געגאנגען פון דיין הויז,
איז מיר דאָס הארץ פארגאנגען;
איך האָב דיך ניט געזען — עס איז
דער זייגער אויסגעגאנגען.

8

איך בין אין גאַס געגאנגען,
געזוכט דיך אומעטום;
די לאנגע גאַס געוועזן איז
אי רעדעוודיג, אי שטום.

פון טויזענט זאכען האָט זי
געפּלאפּעלט, דאָ און דאָרט;

נ ע כ ט

נאָר וועגען דיר, געזוכטע,
קיין איינציג, איינציג וואָרט.

בין איך אוועק אין הייזער,
געעפענט טיר נאָך טיר;
באַקאַנטע, אומבאַקאַנטע, —
אַלץ נאָכגעפרעגט אויף דיר.

אַן אַלטיטשקע געזאָגט האָט:
— ביזט נעכטען דאָרט געווען.
איך האָב געקושט די אויגען
וואָס האָבען דיך געזען.

9

וואָס האָט מיך געצויגען?
ווער האָט מיך געבראַכט
צו דעם שווארצען טויער
אין דער שווארצער נאַכט?

ס׳איז א סוד, דאָס ווייסען
איך און זי — מיר צוויי.
וואָס־זשע זיצט זי אויבען?
זאַמט זיך לאַנג אַזוי?

ס׳אַרט איר ניט מיין ווארטען,
און מיין רופען נישט.
נאָר דעם אַלטען נאַכט־הונט
אופגעוועקט אומזיסט.

10

איך וועל אזוי אָפּט מיין געזוכטע,
פאַרוואַרפען מיט לידעלאך קליינע,
אַזוי ווי אַ שטאָט, אַ באַלייגטע,
באַהאָנגעלט מיט קוילען דער שונא.

זיי וועלען דאָרט אומוואַרפען געטער
און טעמפּלען — ווי נעצען צעפליקען,
און וועלען ווי שפינוועבס צערייסען —
צום עבר געהייליגטע בריקען.

זיי וועלען דאָרט אָנמאַכען שרפות,
און אויפגיין דאָס האַרץ וועט אין פלאַמען,
און שטראָמענוויז בלוט וועט זיך גיסען —
אי אירע, אי מיינע צוזאַמען.

11

איך האָב ניט צום סדר העולם
און טראָג קיין פאַרדראָס ניט אויף גאָט —
אַמאָל, אין אַ שעה פון אומווילען —
פאַר וואָס ער באַשאַפען מיך האָט.

נאָר ס'קומען ביי נאַכט מיינע טרערען,
ווי אָנקלעגער שטומע צו גאָט.
דאַן, ווייס איך, פאַרדריסט אים אליין אויך
פאַרוואָס ער באַשאַפען מיך האָט.

12

ווי בין איך מקנא די פויגלאך: —
צו זינגען איז זיי ניט פאַרווערט;

נ ע כ ט

נו, זינגען זיי ווען עס פארווילט זיך;
דער וואלד און דער הימעל זיי הערט.

ווי בין איך מקנא די קינדער: —
צו וויינען איז זיי ניט פארווערט;
נו, וויינען זיי ווען עס פארווילט זיך;
א הארץ פון א מאמען זיי הערט.

13

מיין פארלאנג און מיין באגער
איז לויטער קליינינקייטען:
ווען א וואָרט, און ווען א בליק,
א שמייכעל פון דערווייטען.

גיסט מיט ליכט מיך אָפּ דיין אויג,
דיין וואָרט שיינקט מיר דאס לעבען.
אָפּטער, אָפּטער קום צו מיר,
דערהאלט מיך ביי דעם לעבען.

14

מיידעל, מיידעל, האָב מיך האָלט,
כ'וועל דיר עפּעס געבען;
ניט קיין פּערל, ניט קיין גאָלד, —
נאָר מיין גאנצען לעבען.

יאָרען האָב איך שוין ניט פיל —
ניט קיין סוד פארביידען;
נעם די לעצטע, מיידעל, צו
פאר א ביסעל פריידען.

15

לאָז פּיעשצען זיך, פּיעשצען פאַר דיר,
און מיינען אַז דו האָסט מיך ליב;
און זאָל דאָס אַ נאַרישקייט זיין, —
אַזוי ווי אַ קינד מיר פאַרגיב.

דעם אמת אויסזאָגענדיג דיר:
איך גלויב ניט, אַז דו האָסט מיך ליב;
דאָך זאָגען דאָס דאַרפסטו מיר ניט, —
מיין קינדערשע האַרץ ניט באַטריב.

16

צו זאָגען האָב איך דיר גאָר פיל,
דאָך וועל איך גאָר נישט ריידען;
און ווי אַ חתן־בחורל
זיך האַלטען שטיל, באַשיידען.

דו ביזט דאָך אַזוי שעמעוודיג...
ווען איך וועל זיך אָנבויגען
אַ קוש טאָן אויפן שטערען דיך, —
פאַרמאַך די פרומע אויגען.

17

דו זיי דער „הערר“, די „דאַמע“ — איך,
איך לאָז זיך פון דיר פירען;
וואוהין דו גייסט — איך גיי מיט דיר,
דו וועסט זיך ניט פאַרלירען.

און ווען עס זאָל אַזוינס געשען —
אין יענע טונקעלע זאַלען
איז שטיל אַזוי און ווייך אַזוי
און זיס אַזוי — צו פאַלען.

דו ביזט געזעסען

1

דו ביזט געזעסען ביי מיין זייט
און מילד אויף מיר געקוקט;
געוואַקסען האָט אין מיר מיין האַרץ,
געוואַקסען און געצוקט.

אין הויז האָט מען פון מילך גערעדט,
פון פּוטער און פון געלט.
אוי וויפיל דאָס האָט מיר געקאָסט!
דיין בליק נאָר האָט פאַרגעלד'ט.

ווען איך האָב דיך געפירט אהיים
איז לעער די גאַס געווען;
נאָר אין א יעדער הויז, מיר דאַכט,
איז א חתונה געווען...

2

א קיהלע נאַכט, א ריינער הימעל
און א לבנה, גרויס און בלאַס;
צוויי ציילען שלאָפעדיגע הייזער —
א שטילע, אומבאַקאַנטע גאַס.

נ ע כ ט

מיר גייען שטיל. צוויי טרייע שאָטענס
באַגלייטען אונז אין וועג אריין;
א לערער סקווער — א גרויסע סאַליע —
אין דער לבנה׳ס גרינעם שיין.

מיר גייען שטיל, ווי שטיל עס שווימען
לבנה און די שאָטענס צוויי.
א שטילע נאַכט — און מיר פאַרשטייען
וואָס הייזער שלאָפען פרי אזוי.

3

פאַרבערענט זאָלט איר ווערען, איר ביכער!
וואָס אַרט מיך דער „זיין" און "ניט זיין";
איר לערנט מיך בעסער צו ליבען
און לערנט געליבט ווי צו זיין.

כ׳האָב תלמוד און פוסקים געלערנט,
געשפּאָלטען דעם „ים" הין און הער;
די איינציגע סוגיא: פון ליבען
און ווערען געליבט — גיבט זיך שווער.

4

ליבע פאַר דעם האַרצען איז
א פלאַם צו ברענען;
קלוג צי נאַריש, גוט צי שלעכט —
מען דאַרף נאָר ברענען...

אין דעם ברענען ליגט דער זין
און צוועק פון לעבען;

נ ע כ ט

ווי אַן „עולה" זאָלסטו זיך
דעם פּלאַם אָפּגעבען.

5

פאַר דעם אַ לאַך, פאַר דעם אַ טרער,
פאַר דעם אַ האַרציג וואָרט;
אַרום דיין האַרצענס רייכען טיש
האָט יעדערער אַן אָרט.

דאָך ווייסען וואָלט זיך מיר געוואָלט:
ווער איז אין אמת'ן דער ווירט,
וואָס זיצט אין רעכטען אויבען־אָן
און פון דער הויך רעגירט?

6

אַ גאַנצער מעת־לעת איז מיין בריוועל געגאַנגען,
אַ גאַנצער מעת־לעת צוריק — אירער;
ווי לאַנגזאַם עס שלעפּט זיך דער מאַרש פון דער ליבע —
ווער זיינען די וועג־ווייזער, פירער?

אַ פייער אין האַרצען שפּרינגט אויף און פאַרשפּרייט זיך
ווי באַלד איך דערמאָן מיך נאָר אירער.
ווי בליץ־שנעל עס טראָגט זיך דער מאַרש פון דער ליבע —
ווער זיינען די וועג־ווייזער, פירער?

7

כ'וועל שטיין אין סאַמע טיר און קוקען
ווי קומען וועסטו — ניט אַליין...

איך וועל א טיפען קרעכץ דערשטיקען
און קריצען מאכטלאָז מיט די ציין.

דערנאָך — אין אומשולדיגע הערצער
אריינבייסען מיט שארפע ציין,
און לאכען דאן ווען אלע וויינען —
און קיינער וועט מיך ניט פארשטיין.

8

ניט נעם צום הארצען זיך צו־פיל,
דאָס איז דאָך בלויז א שפּיל;
און זאָל אויך זיין — א בלוטיגער,
דאָך, מער ניט ווי א שפּיל.

געווינען ווער עס וועט דערביי —
דאָס טרעף איך ניט פאָראויס;
איך וויים נאָר דאָס: איך האָב פארשפּילט
ווי באַלד דאָס שפּיל איז אויס.

9

די מאכסט מיין שלעכטע לוינע,
מיין גוטע מאכסטו אויך;
אָט פּויזע איך אין שטויב אום,
אָט בין איך הימלען-הויך.

דו ווילסט — וועל איך דיין שיצער,
דו ווילסט — דיין שונא זיין;
נאָר איין זאך מאכען קענסט ניט:
איך זאָל דיין קנעכט ניט זיין.

10

דו ביזט אין בעט געלעגען,
געלעגען און געוויינט;
אז דו ביזט קראַנק געוואָרען —
האָט יעדערער געמיינט.

נאָר איך בין אויף אַן אמת
פון ליבע קראַנק צום טויט;
דאָך ווײַן איך ניט און קלאָג ניט —
איך גיי אוים שטילערהייט.

11

קען איך ניט דיין מלך זיין —
האָב קיין גאָלד'נעם דעגען,
האָב קיין סצעפּטער און קיין קרוין,
האָב אויך קיין פארמעגען.

קען איך ניט דיין ריצער זיין —
קען אויף פערד ניט יאָגען,
מיטן שונא אויפן פעלד
קען איך זיך ניט שלאָגען.

וועל איך באַטש דיין הויף־נאר זיין,
וועל דיך לוסטיג מאכען;
אויסגיין וועל איך זינגענדיג —
אלע וועלען לאכען.

12

צוויי לאַנגע נעכט, צוויי ווינטער־נעכט
בין איך אין גאַס געשטאַנען;

נ ע כ ט

צוויי ווינטער־נעכט — און ניט געשפּירט
אַז ס׳איז אויך קעלט פאַראַנען.

די דריטע נאַכט האָט אויסגעזאָגט:
דו ביזט אַוועקגעפאָרען;
דער דריטער טאָג געפונען האָט
מיך קאַלט, ביז טויט דערפראָרען.

13

בין דריי מאָל ביי דיין הויז געווען,
און ניט אַרויפגעקומען;
צו זיין אַ שטאַרקער, שטאָלצער מאַן
האָב איך מיר פאַרגענומען.

ביים פערטען מאָל בין איך אַרויף.
דאַנק גאָט! — ביזט אָפּגעפאָרען...
געוואונען האָב איך יע מיין וועט,
דאָך דיך — האָב איך פאַרלאָרען.

14

האָסט גוטע מינוטען געשאָנקען
און מער נאָך מיר שלעכטע געגעבען.
די שלעכטע זאָל גאָט דיר פאַרגעבען,
איך וויל נאָר די גוטע געדיינקען.

צוויי קינדערשע הענטעלאַך, קליינע,
וואָס טוליען זיך, צערטלען און גלעטען,
צוויי אויגען וואָס ריידען און בעטען —
צי קען מען זיי ווערען אַ שונא?

15

רייס די שפּינדעל ניט פון האנט,
רייס דעם שנור ניט איבער,
לאָז מיך שפּינען, שפּינען נאָך
מיט געזאַנג און פיבער.

פעדים זייד'נע אויספלעכטען
אין אַ שנור זיך װעלען;
אָנטאָן װעל איך אויף דעם שנור
לידעלאך־קארעלען.

16

דו האָסט די שנירלאך צעריסען
מיט דיינע הענט אליין.
די פערלען זיינען צעשאָטען
און װעלען פארלאָרען גיין.

די אויגען מיינע באַװיינען
די פערלען און זיידענע שניר;
מיין הארץ אָבער בלוטעט און בלוטעט,
װייל דו האָסט געטראָטען אויף איר.

17

אויבען איז דער צוג געפלויגען,
אונטען האָב איך געשפּאצירט;
אין דעם צוג ביזטו געזעסען,
דאכט זיך, דו האָסט מיך באַרירט.

נ ע כ ט

לאַנג בין איך אים נאָכגעלאָפען,
— ווי ער דונערט, ווי ער בליצט! —
אויסגעפינען האָב געוואָלט איך
יענע פענסטער, וואו דו זיצסט.

בליץ־שנעל איז דער צוג געפלויגען,
שיינען וואַרפענדיג אין וועג;
גלייך ווי דו — איצט ווייטע מיידעל —
זיך באוויזען, און אוועק.

18

(נאָך היינע)

וואָס ערשט געווען אַן אמת,
איז שוין אַ חלום בלויז;
דער פאָרהאַנג איז געפאַלען,
די טרויער־שטיק איז אויס.

געווען אַ שטיק אַ שיינע,
פון קינסטלער אויפגעפירט,
און הערליך איז געוועזען
די סצענע דעקאָרירט.

דער העלד, די פרימאַדאָנאַ,
דער ליץ, דער אינטריגאַנט —
געשפּילט האָבען די ראָליען
מיט פייער און טאַלאַנט.

געקושט האָט די געליבטע
מיט ליבעס הייסע גלוט;

נ ע כ ט

פון העלדענס הארץ גערונען
האָט אמת הייסע בלוט.

דער אינטריגאַנט, אין ארבעל,
האָט גיפט און דאָלך געבראַכט;
דער ליץ האָט אַלץ געזונגען;
און פון דער זייט געלאַכט.

פון אַלע שפילער האָב איך
דעם העלד מער מיטגעפילט.
דערפאַר ווייל אין זיין ראָליע
האָב איך אַליין געשפילט.

19

בייטשען קנאַלען, צווייגען פאַלען
ווען דער ווינד פאָרט דורך די ביימער;
ווען עס ברעכען הערצער אָבער
זעט ניט קיינער, הערט ניט קיינער.

רינט נאָר שטיל דאָס בלוט פון הארצען,
רינט אין שנירלאך, דין און איידעל;
ווייס נאָר איינער — דער פארליבטער,
און אמאָל — א בלייכע מיידעל.

20

אויבען לויפט א שמאָלע סטעזשקע,
אונטען — אָפּגרונט טיף און ברייט;
אויבען הייגגט דער פאַלשער לעבען,
אונטען ליגט דער וואָרער טויט.

נ ע כ ט

ביי דער זייט קיין וואנט, קיין אנהאלט,
אין דער ווייט קיין ליכט, קיין שיין,
אונטערן פוס זיך קייקלען שטיינער —
קייקלען זיך אין תהום אריין.

פירט מיין וועג צו נאכט און ליגען,
לערער ווינט איז וואס איך נאר;
אונטערנעמען אזא אומזין,
קען נאר דער, וואס איז — א נאר.

21

איז געווען א יונגע מיידעל,
איז געווען אן אלטער בחור;
האט דער שיינער, יונגער מיידעל
האלט געהאט דער אלטער בחור.

האט ער בריוולאך איר געשריבען —
רויטע טינט אויף ווייסע בויגענס —
און זיין לעבען אנגעבאטען,
זיינס — דעם בחור׳ס — גאנצען אייגענס.

נאר די יונגע האט דעם אלטען
ניט געקענט אלץ ליב באקומען;
מיט אן אנדערען, א יונגען,
איז געווען איר הארץ פארנומען.

איז דער בחור קראנק געווארען,
קראנק און בלייך ארומגעגאנגען;

נ ע כ ט

אין זיין הארצען אומגעפויזעט
האבען שווארצע קנאה-שלאנגען.

פלעגען ניט געטרייסטע לײדען
זיין פארליבטע הארץ פארצערען,
און די לייוועגט־בלייכע באקען
פלעגען בריען הייסע טרערען.

22

מאדנע — א פינסטערע האלב־נאכט,
אפגרונטען, בערג פון די זייטען.
פלוצלינג ברילט אויפ׳עט א דונער,
עפ׳נען זיך הימלען פון ווייטען —

גיסט מיך אין גאנצען מיט ליכט אפ,
ווערען נאך טיפער די שפאלטען;
הערט זיך א קול פון דער טיפ׳ניש:
״דער וועט זיך לאנג דארט ניט האלטען״.

23

פאלען דאס הימלען צוזאמען?
ווערען דאס זונען געבארען?
כ׳וויים ניט — עס איז מיר מיט איינמאל
אי פינסטער, אי ליכטיג געווארען.

הייליגע טויטען־געזאנגען, —
מ׳טראגט דורך א קינד אין א ארון.
אויב יענע קינד רופט זיך „ליבע״ —
ווערט זי ערשט איצטער געבארען.

24

איך וויים, א מיידעל איינע
וועט קומען מיך באגלייטען
און אויפן ארון לייגען
א קרענצעל בלייכע קווייטען.

זי וועט א האלב טוץ טיכלאך
מיט שווארצע ברעגלאך קויפען,
און וועט א האלב טוץ טרערען
אין טיכעל לאָזען לויפען.

איך הער איר, זע איר קומען,
איך זע איר פון דערווייטענס.
נעם צו, דו גוטע מיידעל,
נעם צו מיין דאנק באצייטענס.

איך וויים, א צווייטע מיידעל
וועט אום פארגעבונג בעטען,
און וועט אין איר פארצווייפלונג
מיין נאָמען צערטלען, גלעטען.

זי וועט צוויי נעכט ניט שלאָפען,
זי וועט צוויי טעג ניט עסען;
און אויפ׳ן דריטען מאָרגען
וועט זי אָן מיר פארגעסען.

פארגיב איר, גאָט, די זינדען
פון נעכטען און פון מאָרגען,
זי זאָל איר וועג דורכטאנצען
אָן טרערען און אָן זאָרגען.

25

מיין ניט, איך וועל דיך פארגעסען,
מיין ניט, דו האָסט מיך פארטריבען;
איך וועל דיך אי האסען, אי שילטען, —
און קיינמאָל ניט אויפהערען ליבען.

כ׳וועל יעדע נאכט צו דיר קומען,
וועל דיין געלעגער באַרירען,
און וועל — צו דיין שרעק און ערשטוינען —
מיט זיך אין די הימלען דיך פירען.

וועסט אָן מיין פליגעל זיך האַלטען
שווימענדיג הויך אין די ספערען;
די כרובים וועל איך אויף דיר ווייזען:
"דאָס איז זי, מיין ערדישער שטערען".

26

וועסט אויף מיין טיר נאָך ווען קלאַפּען,
וועסט אומערוואַרטעט נאָך קומען;
איינע שטיין וועסטו אין דרויסען,
וועסט זיך דערמאָנען — און קומען.

ס׳מאַכט ניט אויב זיין וועט מיין חדר
טיף איינגעקעקערט, פאַרשאָטען;
קומען וועסטו — ווייל די אנד׳רע
זיין פאַר דיר וועלען פארבאָטען.

ווייל איך וויל רוען

1

הויכע טרעפען, קרומע טרעפען —
קוים געקומען זיך צושלעפען,
מיט יסורים און מיט מיען.
ווייכע שטולען, ווייכע בעטען.
כ׳וועל דיך ווי א גאָט אָנבעטען:
לאָז מיך ר ו ע ן, ר ו ע ן, ר ו ע ן...

2

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוען;
דער מדבר האָט געמאַכט מיך מיד.
אזוי קומט ציונ׳ס שטיינער קושען
אמאָל א וואָגלענדיגער איד.

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוען;
דיין צימערס דיל — א בעט פאר מיר;
צו דער אנטרינונג־שטאָדט א פאָרטקע
איז מיר דיין ניט־באוואכטע טיר.

איך קום צו דיר. די מדבר־זאמדען,
די מדבר־זון האָט מיך געברענט;
איך דארף די רו — שלים מיינע אויגען
מיט דיינע קילע שוועסטער־הענט.

3

פון דעם ברענענדיגען טאָג
ווערט א קילער אָווענט ווערען;

נ ע כ ט

און אַנשטאָט דער רויטער זון
וועלען שיינען גרינע שטערען.

אויף אַ פעלד, אין גרינעם ליכט,
מיט׳ן פּנים צו די שטערען,
וועל איך ליגען קאַלט און גרין,
אָן פאַרדראָס און אָן באגערען.

ווי דער בלייכער, גרינער שיין
פון א ווייטען, קאַלטען שטערען. —
ביי דעם וויגעל פון דיין קינד, —
זאָל מיין שאָטען דיך ניט שטערען.

4

באַלד וועט זיך די זון באהאַלטען,
טאָג אין נאכט וועט זיך באקערען,
שווארצע הימלען וועלען רעג׳נען —
מער וועט שוין ניט ליכטיג ווערען.

בעט זיך איין אַ שטיל געלעגער
ביי אַ שוועסטער, ביי אַ ברודער,
דאָרט די זון זיך צו דערמאָנען,
ווייט פון שטויביגען גערודער.

אַ דורכגייער האָט דאָ גערוט

1

א דורכגייער האָט דאָ גערוט היינט,
גערעדט פון דיר פיל און דערציילט;
ער האָט מיר געקושט אויפן הארצען,
מיט ווערטער, ווי קושען, געהיילט.

איך האָב אים געבענשט און באַשאָנקען,
און האָב אים צו דיר אָפּגעשיקט.
דיין שוועל וועט זיין נאַכטלעגער ווערען, —
איך בין שוין דערמיט אויך באַגליקט.

2

אַ שליח וועט היינט צו דיר קומען,
דאָס האָב איך געשיקט אים צו דיר;
ער ברייננט דיר אַ זאַק מיט מתנות, —
פאַררינגעל פון אים ניט די טיר.

ער ברייננט דיר א זאַק מיט מתנות, —
איך האָב זיי געזאַמעלט, געהיט;
ער וועט צו די פיס זיי דיר לייגען, —
פאַרשעם מיין שליח כאָטש ניט.

3

איך האָב דיך מיין אוצר גערופען,
ווייל פּלוצלינג האָסטו זיך געפונען;
נאָר אוצרות און טרוימען און פרויען,
זיי ווערען אויך פלוצלינג אנטרונען.

איך וועל דיך דעריבער באַשווערען
מיט אַלערליי הייליגע זאַכען:

דו זאָלסט מיך באַגלייטען, און היטען
מיין חלום, מיין שלאָף און מיין וואַכען.

4

דו ביזט א ווילד קינד, אַ פאַרשייטע,
און איך בין דיין פויגעל אין פלען.
דו שפּייזסט מיך מיט וויצען — קיין קערנער
האָב איך נאָך פון דיר ניט געזען.

דו ביזט אַ ווילד קינד; אזאַ קאַרגע
ווי דו איז נאָך קיינמאָל געוועזן.
און איך, דיין געפאַנגענער פויגעל,
וועל אויסגיין ביי דיר אין דער פלען.

5

ביי גאָט אין הימעל פאַרזעץ איך
מיין נשמה יעדער נאַכט;
און בעט ער זאָל אומקערען ווידער
מיין גוטס, ווען איך ווער ערוואַכט.

נאָר דיר וואָלט איך מיין נשמה
געבראַכט אין הויז אליין;
און וואָלט נאָך געוואונשען — מיין משכון
זאָל ביי דיר פאַרלאָרען גיין.

6

וואָלט איינער רייד פון אונז געוועזען, —
האסטו מיר אין אַ נאַכט געזאָגט, —
געטיילט וואָלט ער זיך מיטן צווייטען
מיט אלין וואָס ער אליין פאַרמאָגט.

נ ע כ ט

נו, איך בין רייך מיט שלעק און אומגליק,
מיט שרעקען אויף א לעבען לאנג ;
טאָ קום צוגיין, מיין טרייער שותף,
גענים און נעם נאָך דיין פארלאנג.

7

א שווארצע קאַץ איז דורכגעלאָפען, —
און אונזער פרידען איז צעשטערט.
מיין הארץ איז מיר מיט בלוט פארלאָפען ;
וועל נעמען וואָס מיר איז באשערט.

אומזיסט האָב איך געפרואווט דעריאָגען
דעם ערשטען ניט־באַטריבטען גליק ;
דעם מזלים שנעלע פערד און וואָגען —
זיי האַלט קיין וואונש, קיין רוף צוריק.

8

אָט ערשט געווען... און צווישען אונז שטייט
דאָס איבעראייליטע, ווי א הויכער מויער ;
דאָס „ניין", פונקט ווי א שטומער וועכטער,
שפאנט אויף און אָפּ פארביי דעם טויער.

איך וואָלט נאָך איצט צו דיר געפליויגען, —
אוי, ווער זיין שארפער שווערד מיך טויטען.
פאר דיר וואָלט זיך דער שווערד געבויגען ;
נון ווילסטו ניט — ווער קען דיך נויטען...

9

איך האָב זיך אין הארצען געשוואָרען,
איך זאָל מער ניט ריידען צו דיר ;
איך זאָל דיר קיין בריוולאך ניט שרייבען, —
פארברענט האָב איך גאָר מיין פאַפיר.

איך זאָל צו דיר פאָרען ניט קענען, —
צעשאָטען האָב איך גאָר מיין געלט ;
קיין גרוס זאָל מיר קיינער ניט ברייננגען, —
האָב איך זיך צעקריגט מיט דער וועלט.

10

עס דרעמעלט זיך אין דעם באַקוועמען
און ברייט־געבויטען אָרעם־שטול ;
די לייברערי איז פול מיט מענשען,
מיין קאָפּ איז מיט חלומות פול.

מיר חלומ'ט זיך : ביזט אָנגעקומען
אין ווייסען הוט און ווייסען קלייד ;
איך בין אַנטקעגען דיר געלאָפען,
צו דיר די אָרעמס אויסגעשפרייט,

און נידריג צו די פיס געקניט דיר,
ביז צו דעם זוים פון ווייסען קלייד,
און פייכט געמאַכט מיט הייסע טרערען
דעם ווייסען זוים פון ווייסען קלייד.

נאָר דו האָסט פרעמד זיך אויסגעריסען
און מיך געלאָזט אליין... מיט זיי...
א חלום בלויז — א פוסטער חלום —
און שטימט דאָך מיט דער וואָר אזוי.

פון אונזער ליבע

1

איך ליג אָן שלאָף די גאַנצע נאַכט,
איך ליג אָן שלאָף ביז טאָג,
און פיר מיט דיר, מיט זיך אליין
אַ לאַנגען דיאַלאָג.

און ווען די בלייכע פענסטער־שויב
זאָגט שטום מיר אָן: עס טאָגט!
מיר דאַכט זיך אַלץ: געבליבען איז
נאָך עפּעס ניט דערזאָגט.

2

אַ ליגען גייט אין שטוב ארום.
ס׳איז אָנהויב נאַכט, דער פייער ברענט,
דער ליגען האָט אַ פרויען־קאָפּ,
וואָס וואַרפט אַ שאָטען אויף די ווענט.

דער ליגען גייט. דער ליגען זעצט
זיך ביים מאַשין אוועק און נייט
אַ ווייסען יום־טוב קלייד — שאַ — הער...
מען גייט, אַ פרעמדער עמיץ גייט...

פאַרלעש דעם לאָמפּ, פאַרשפאַר די טיר,
וועט מיינען איך בין ניט צו הויז...
צו שפעט — ער קלאַפּט — ער איז אריין, —
דער ליגען האָט פאַרלאָזט די הויז.

נ ע כ ט

3

דעם לעצטען חלום האָסטו
פון הארץ מיר אויסגעריסען
און פאר דער ג א ס געוואָרפען,
אָן הארץ און אָן געוויסען.

איך וועל דעם אומרעכט דיינעם
דיר קיינמאָל ניט פארגעבען.
ווי ווייט דו זאָלסט ניט פליען,
ווי הויך דו זאָלסט ניט שוועבען,

און וועלכע שטארקע פליגעל
עס זאָלען דיך ניט טראָגען, —
מיין צער וועט דיך יאָגען,
מיין קללה — דיך דעריאָגען.

4

א פייער פון גאָט האָט מיין שטיבעל פארברענט;
נו, מילא, א שרפה, פארפאלען;
עס וואָלט זיך מיר וויסען געוואָלט נאָר: אוואו
דער פונק איז, דער ערשטער, געפאלען?

און וועלכער אומגליקלאכער שינדעל האָט דאָס
דעם דונער צו זיך צוגעצויגען,
און איז אזוי לייטיש געלעגען אין דאך
און כשר געגארט מיינע אויגען?

נ ע כ ט

5

מיר זיינען ווייט, מיר זיינען פרעמד,
באַזונדערע צוויי וועלטען;
דאָך — ריידען מענשען ווען פון דיר,
דערמאָנט מען מיך ניט זעלטען.

און ווער האָט אונז צונויפגעקניפּט?
און וועמען ליגט דערינען,
אַז זוכען זאָלען מיר זיך לאַנג
און דאָך זיך ניט געפינען?

6

דערמאָנסטו מיך נאָך ווען?
דערמאָן;
אין טאַנץ־זאַל, אין געדראַנג,
אין ריידעריי, געזאַנג, —
דערמאָן;
ביים שבת׳דיגען טיש,
ביי ברענענדיגע ליכט,
אין היימיש־לויזען קלייד —
דערמאָן.
דערמאָנסטו מיך נאָך ווען?
אַז קיינער זאָל ניט זען,
אַז קיינער זאָל פאַרשטיין, —
דערמאָן;
ווי איך דיך יעדען טאָג,
ווי איך דיך יעדע נאַכט, —
דערמאָן.

7

און האָסטו מיך נאָך עטוואָס ליב —
טאָ קום צו מיר;
און האָסטו מיטלייד אין דיין האַרץ —
זיי גוט צו מיר.

מיין האַרץ איז אויפגעראַמט אויפס ניי —
פאַר דיר אליין;
און ביזטו טויב פאַר אַלץ — טאָ הער
כאָטש מיין געוויין.

8

טויזענד מענשען. קיינער, קיינער
האַט מיר גאָרנישט ניט געגעבען, —
ביז דו איינע ביזט געקומען
און אַ גאַנצע זון געגעבען.

עפּעס ווייסעס, יעדע ווייַלע,
שוועבט אַ דורך פאַרביי די אויגען;
אַ פאַרוואַנדעלטער, אַ גוטער
קוק איך יעדען אין די אויגען.

9

אויגען ניט צו מיר געווענדעט,
ליפּען, — ניט צו מיר געלאַכט,
ווייסע הענט — פון מיר באַהאַלטען, —
און האָסט דאָך מיר טאָג געבראַכט.

נ ע כ ט

האָסט אַ זון צו מיר אין האַרצען
אַריינגעלייגט — אַ זון די גרויס.
ווייסער טאָג איז מיר געוואָרען
ווען איך בין אין גאַס אַרויס.

און פון דאַמאָלט אָן אין האַרצען
וויל די זון ניט אונטערגיין.
ווידער איז זי, ווי אין גבעון,
אויף דער נאַכט געבליבען שטיין.

10

פון אונזער ליבע איז קיין דור,
קיין זכר ניט געבליבען,
אַ חוץ אַ קליינער לידער־בוך,
פאַרגעלט און אָפּגעריבען.

ווען דו וועסט זיין אַ מאַמע שוין
וועסטו די לידער מיינע
דערמאָנען זיך, פאַרוויגענדיג
מיט זיי די קינדער דיינע.

און ווען אַמאָל דיין אייניקעל
וועט, קומענדיג פון חדר,
איינטאָניג, קינדיש חזר'ן
זיי איינס נאָך איינס כסדר, —

וועסטו אים אונטערזאָגען דאָס,
וואָס ניט דערזאָגט געבליבען;
דו ווייסט דאָך בעסער פון דעם בוך,
ווי ס'דאַרף דאָרט זיין געשריבען.

11

אמאָליגע פריידען ניט וועק,
ניט רוף די פאַרגאַנגענע גליקען;
אומזיסט איז דיין רוף אין דער ווייט, —
צעשטערט זיינען גרעבליעס און בריקען.

און אונטען לויפט שטורמיג דער טייך,
א שווארצער, א ברייטער, א טיפער;
אויף נאַכט, מיט די רודערס אויף זיך,
אוועק צו זיין דאָרף איז דער שיפער.

דער שיפער, ער האָט דאָרט א הויז,
א פייער, זיין גוף צו דערוואַרמען.
ניט רוף אין דער ווייט, נאָך דער צייט;
אויף דיר וועט זיך קיינער דערבאַרמען...

12

דער גאַנצער קריג — א חלום נאָר,
א דורכגעלעבטער אין א פיבער.
איצט בין איך וואַך; — ווי אַלט דאָס איז!
ווי טויזענט יאָר וואָלטען אריבער.

איך האָב זיך אויסגערוט און צייל
די וואונדען איינציגווייז מיר איבער.
איצט בין איך וואַך, — עס האָט גאָר ניט
געלוינט צו שלאָגען זיך דעריבער...

ראָמאַנסן

1

פּאַפּיר און טינט, אַ שוואַרצער שטעמפּעל, —
דאָס שטעלט צונויף אַ בריף צוזאַמען.
און ס'בריט דער בריף די פינגער מיינע,
ווי רויטע קוילען פון די פלאַמען.

פּאַפּיר און טינט, — דאָס איז צו קריגען,
דאָס גלייבען אויך די הענד וואָס שרייבען:
מען קען פאַר געלד אויך הערצער קויפען, —
דאָך קען איך קיינמאָל רוהיג בלייבען.

און יעדער בריף מיר בריט די פינגער,
און יעדע שורה ברענט באַזונדער.
אַ, קליינע, ליבע ליבעס-בריוולאַך,
איר זייט פאַר מיר דער גרעסטער וואונדער.

2

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב;
מען טאָר דערפון ניט ריידען;
דערהערט דאָס ווער: אַ מענש, צי גאָט —
מען וועט אונז גלייך צעשיידען.

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב,
נאָר קיינער טאָר ניט וויסען:
ווי שפּינוועבס אונזער סוד, עס ווערט
פון אַ ליאַדען הויך צעריסען.

נ ע כ ט

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב,
דאַרפסט זיך אַ ל י י ן ניט פרעגען ;
איך האָב דאָס אויסגעטראַכט פאַר דיר
און אויך פאַר מיינעטוועגען.

3

דער פייער ברענט, עס וואַכט די טיר,
איך זיץ און וואַרט, דאָך — ניט אויף דיר ;
אַ צווייטע וועט מיין שוועל באַטרעטען
און שווייגענדיג אַ לאַסקע בעטען.

זי וועט ניט קוקען מיר אין אויג,
וועט פלאַטערן ביי מיין יעדען בויג . . .
איך וואָלט די שעה און גאָר מיין לעבען
פאַר דיין איין רויט־ווערען געגעבען.

מיין נייע טיר, זי קען דיך ניט.
מיין צימער קען ניט דיינע טריט.
נאָר — וואָלסטו אויף מיין טיר געקלונגען,
וואָלט זיך דער שטומער דיל צעזונגען.

איך וויים : אויף אייביג ביזן טויט
האָט אונז אַ פרעמדע האַנט צעשיידט :
דאָך טוט מיין נאַריש האַרץ אַלץ פרעגען :
צו וואָס די פיין ? פון וועמענס וועגען ?

דער פייער ברענט, עס וואַכט די טיר,
איך זיץ און וואַרט, נאָר — ניט אויף דיר . . .
עס דאַכט זיך מיר : דו האָסט געקלונגען, —
די גאַנצע הויז האָט זיך צעזונגען.

נ ע כ ט

4

איך האָב געדולד. די שעה'ן קריכען,
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך;
פון שעה'ן ווערען טעג און וואָכען —
איין גרויסער, מוטנער, שווערער טייך.

איך רוף צו דיר, שריי אויס דיין נאָמען
אין פוסטער, שטילער צימער־נאַכט:
דאָך וויים איך ניט: האָב איך גערופען,
צי דאָס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

דו ביזט מיר פרעמד — איך האָב פאַרגעסען
ווי דו האָסט דעמאָלט אויסגעזען;
אין וועלכען לאַנד, פאַר וועלכען קעניג
דאָס איז געשען? צי איז געשען?

איך האָב געדולד. די שעה'ן קריכען,
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
איך רוף צו דיר; איך הער דיין נאָמען
פאַרזינקען אין דעם גרויסען טייך.

5

פאַר וואָס, זאָג, פאַרלויפסטו דעם וועג מיר?
וואָס היטסטו אַזוי מיינע טריט?
און וואו נאָר מיין בליק זאָל ניט פאַלען,
ביזטו אַלץ, ביזטו אין דער מיט?

וואָס האָסטו פאַרצאַמט מיר די גאַסען,
געמאַכט איינג מיין אייגענע הויז?

נ ע כ ט

ניטאָ קיין באהעלטניש ! דו לויערסט
פון יעטווידער ווינקעל ארוים.

וואָס יאָגסטו מיין טאָג און מיין אווענד
און לאָזט אויך מיין שלאָף ניט אליין ?
די שכנים, זיי מורמלען : עס לאָזט זיי
ניט שלאָפען ביי־נאכט מיין געוויין . . .

אנטרין, דו פארשאָלטענער שאָטען,
צעשווים זיך, פארמיש זיך, פארשווינד !
אזוי ווי דער שוים אויפן וואסער,
אזוי ווי דער רויך אויפן ווינד.

6

עס קען זיין, דו ביזט דאָ געגאנגען
און האָסט דורכן פענסטער געזען,
ווי ס'בויגט זיך מיין קאָפּ אויפן הארצען —
און ס'איז דיר פארדראָסיג געווען.

עס קען זיין, דו האָסט אויף מיין פנים
דערזעהען דעם שפור פון א טרער,
און האָסט זיך א נדר געגעבען —
דו זאָלסט מיך ניט פייניגען מער.

עס קען זיין, דו האָסט אויף א ווײַלע
פארנומען מיין שטילען געוויין,
און ס'איז דיר דאָס הארץ שיער צעגאנגען :—
דו האָסט דאָך א הארץ, ניט קיין שטיין.

נ ע כ ט

7

א פֿרייליכע וועסטו זיך ווייזן צו מיר,
אַ ליכטיגע, אַן אויפֿגעראַמטע;
מיידעלשע אָרעמס געבליזט ביז צום העלפֿט,
האָר — שוואַרצע, פּייכט־צוגעקאַמטע.

איך וועל דיך מיט עפּעס פֿאַרגלייכן, ענטציקט —
פֿאַרגלייכונגען זיינען דאָ פֿילע —
מיט ווענוס, וואָס שפּרינגט ערשט אַרויס פֿונם שוים,
מיט שעפּעלאַך ערשט פֿון דער טבֿילה;

מיט ליליען, וואָס וואַשען זיך איין פֿאַרן שלאָף,
אין טויען־געבאָדענע בלומען . . .
פֿאַרגלייכונגען וועלען נאָך קלעקען פֿאַר דיר, —
דו דאַרפֿסט נאָר, דו דאַרפֿסט צו מיר קומען.

8

האָט געזאָגט: זי וועט זיין. גאָר די נאַכט
האָב איך אָפֿען געהאַלטען די טיר;
און פֿון ווינקעל צו ווינקעל געשפּאַנט,
געשפּאַנט און געפּלוידערט פֿון איר.

כ'בין אַרויס אין דער פֿרי, און דער זאַמד
אויפֿן וועג איז נעווען ניט גערירט . . .
נאָר דער ווינד אין די גראָז האָט גערעדט:
„דו אינגעל, זי האָט דיך פֿאַרפֿירט.“

און די שיינענדע זון האָט געלאַכט:
„דיין באַגליבטע האָט חוזק געמאַכט“.

נ ע כ ט

כ'בין אריין און פארשלאָסען די טיר:
„זאָלסט ניט וואגען זיך ווייזען פאר מיר!"...

9

צוויי אויגען, ווי הימלען צוויי בלויע,
און אפשר גאָר שווארץ ווי די נאכט, —
איך וויים ניט; דער אָווענד, די בוימער —
א סוד דערפון האָבען געמאכט.

איך וויים ניט, ווי רופט מען איר טאטען,
צי — וואוינט ער דא נאָענט, צי וויט,
צי האָט זי נאָך שוועסטער און ברידער,
צי זיינען זיי לייטישע לייט.

דאָך וויל זי מיט מיר זיך פאר'קנס'ן, —
איך פרעג ניט, איך רעד ניט קיין וואָרט.
איך שיק גלייך נאָך אלע כלי־קודש
און שטעל־אָפּ א חופה אויפן אָרט.

10

איך דארף ניט, זאָלסט קומען צוגיין;
מיין קאמער איז אָרים און קליין,
איך וואוין אויפן לעצטען עטאזש,
דו וועסט דאָ ניט טרעפען אליין.

און קומען וועל איך ניט צו דיר;
צו רייך איז דיין צימער פאר מיר,
און איך, מיט די בלאָטיגע שיך,
וועל שטיין א פארשעמטער ביים טיר.

נ ע כ ט

איך וועל דיך ניט רופען אין גאַס,
דען נאָכגעקוקט וואָלט אונז די גאַס:
דו ביזט אַזוי בליהענד און יונג,
און איך — אַזוי פינסטער און בלאַס.

נאָר טראַכטען דאַרף מעג איך פון דיר,
און טראַכטען אויך וועל איך פון דיר,
און טראַכטען: ווי גוט וואָלט געווען
ווען דו וואָלסט געווען נעבען מיר.

11

איך האָב געהאַט א שלעכטען חלום:
אין חלום האָב איך דיך געזען;
דו האַסט א ווייסע קלייד געטראַגען —
ביי דיר איז חתונה געווען.

ביי לאַנגע טישען, אַנגעשטעלטע
מיט וויין און שפּייזען אַלערליי,
געזעסען זיינען מענער, דאַמען,
די צירונג האָט געבלאַנקט אויף זיי.

דו ביזט העט אויבען־אַן געזעסען,
דאָך ניט ווי אימער — שטיל און בלייך.
דער בדחן — החתונה־מתנות
האָט אויסגערופען פון דער הויך.

און א י ם, אויך אים האָב איך געזען דאָרט,
אין שוואַרצען ראָק, אין בלאַנקען העמד,
זיין בליק האָט מיך געבלענדט. זיין נאָמען
האָט אויף מיין צונג ווי זשאַר געברענט,

נ ע כ ט

12

געליהען האט דער שניי ביים הימעל בלויען חלום,
און שטילע ווייסקייט האט די הויך ביים שניי גענומען;
און שטערן האבען זיך געטוקט אי דא, אי דארטען —
און ס'איז א ווינטער־נאכט ארויסגעקומען.

און ביז די קני אין שניי, דעם גרויסען ים פון שימער,
געשטאנען זיינען צוויי — מיר צוויי בלויז — קעגנאיבער;
און דורך א ווייטער שויב א פלעמעל האט געפלאטערט
און אומגעווארפען זיך אין גסיסה־פיבער.

געהאט פיל האבען מיר זיך איינס דעם צווייט צו זאגען,
דאך איז קיין איינציג ווארט פון מויל ארויסגעקומען.
און, ווי דער ווייסער רוים, דער בלויער שניי, מיר האבען
גע'חלום'ט אויך א בלויען טרוים, א שטומען.

13

אט בין איך, אט זיץ איך, — האסט זיך ניט גערעכט;
ווי היימליך ביי דיר איז אין צימער!
נו טרייב מיך, נו יאג מיך, — איך וועל ניט אוועק;
איך וועל דא פארבלייבען אויף אימער.

פינף גאסען, זעקס שטיגען, האב איך דורכגעשפרייזט
ביז וואנען איך האב זיך דערקליבען.
מיין זארג, מיינע דאגות, דער קויט פון די שיך
איז אונטען, יארט אונטען געבליבען.

דער אויוועז ברענט פריילאך, דער דיל איז געוועקסט,
דאס בעטעל איז הויך אויפגעשלאגען. —
נו, נעם זשע, אין פייער ווארף צו נאך א האלץ,
מיר וועלען דא נאכטען און טאגען.

נ ע כ ט

14

כ'וועל זיך אויסצוואָגען, וועל זיך אויספּוצען
אין אַ קאַפּעליוש מיט אַ ווייסער העמד,
מיט אַ זיידען שלייף אויף דער ווייסער העמד,
שוואַרצע האַנדשו'ן אויף די דאַרע הענד.

און מיט שנעלע טריט, און מיט פיבער טריט
(הילכיג אָפּשלאָגען ט'יעדער טריט אין מיר)
וועל איך איילענדיג מיט אַ קלאַפּיג האַרץ
דריי מאָל אָנקלאַפּען אין מיין שענסטערס טיר.

וועט זי עפענען, וועט מיך אָנקוקען,
און וועט אייסרופען : „כ'האָב דיך ניט דערקענט !“
און אַ גליקליכער, אַ פאַרלאָרענער,
קוקען וועל איך אויף די ווייסע ווענט.

און זיך שרעקענדיג, און דאָך האָפענדיג,
(ווי אַן אונטערטאַן ביי זיין מלכה'ס טיר)
וועל איך קניען זיך ביז'ן פוס־בייקעל
און וועל בעטען אום גענאַד ביי איר...

15

זי איז אוועק און האָט מיין האַרץ
מיט זיך אוועקגענומען
אין שטילען דאָרף, אין קליינעם הויז,
וואו געלער זאַמד באַדעקט דעם דיל,
די ווענד באַצירען בלומען.

און ווען עס וועט דער קאַלטער פראָסט
מיט זיינע הענד אומאָרמען

נ ע כ ט

איר קליינע היים, — וועט זי מיין הארץ
צו אירער דריקען ליב און טריי,
און טרייסטען זיך און וואר'מען.

———————————————.—

זי איז אוועק, און האט מיין הארץ,
מיין ווארים הארץ פארטראגען.
און ווידער בין איך הויל און וויסט,
ווי נאכן זומער שטייט דער בוים,
ווי פון א טרוים באטראגען.

אט רוקט זיך אן דער אסיען גרוי,
די בלעטער פאלען אפ און שטארבען.
און ווי א בוים ארויסגעשטעלט
אליין אין פעלד — אזוי וועל איך
פארדארען און פארדארבען.

1909

16

מיין גאנצע שטוב איז פאר דיר אפען.
קענסט קומען עסען, טרינקען, שלאפען;
קענסט קומען ווען דו ווילסט אליין.
דו דארפסט ביי קיינעם זיך ניט פרעגען,
מיין וואונש וועט לויפען דיר אנטקעגען
און ווייזען ווי אריינצוגיין.

קיין הונט ליגט ניט ביי מיינע טירען,
קיין פרעמדע אויג וועט ניט נאכשפירען
נאך דיינע נאכטליך שפעטע טריט.
ווי דו האסט נאר דיין הויז פארלאזען,
דעם שלאס פון טיר אראפגעלאזען, —
מיין הארץ גייט אומעטום דיר מיט.

נ ע כ ט

אַ, קום צוגיין אין נאַכט און רעגען
און פון די אָנגעװײקטע װעגען
ברײנג שװאַרצע, פײַכטע ערד מיט זיך.
װען דו װעסט מאָרגען פרי זיך קלײַבען
צוריק אַהײם — זאָל דאָ כאָטש בלײַבען
אַ שװאַרצער פלעק פון דײַנע שיך.

נאָר אויב דו קענסט מיר גאָרנישט ברײַנגען,
טאָ זע, — די שפּילגעצײַג. עס הענגען
פּאָרטרעטען, בילדער אויף די װענט, —
צערײַס אַ בילד, צעברעך דעם שפּיגעל,
בײַם גאָלד'נעם האָן רײַס אָפּ אַ פליגעל, —
אַ צײַכען לאָז פון דײַנע הענט.

17

איך מוז אַן אַנדערע געפינען !...
איך קריינג אַ צעטעל הײַנט אַרױס :
אַ האַרץ איז לײדיג. ציט אַרײַן װער, —
דער פּרײַז פון װאױנונג איז ניט גרױס.

איר ציט אַרײַן... מיר װעלען זעהען...
מיר גײט ניט אום געצאָלט, אום גאָלד ;
פון זי, װאָס האָבען דאָ געװאָלטעט,
די מערסטע האָבען ניט באַצאָלט.

איך ליב דאָס נײַע, גוט־באַקאַנטע,
װאָס יעדע נײַע ברײנגט מיט זיך :
די אַלע קערבעלאַך און שאַכטלאַך
פאַר פּודער, היטעלאַך און שיך...

נ ע כ ט

די בראָשקעס, האָר־נאָדלען, צעוואָרפענע
אָהן לאַד אויף יעדען שריט און טריט;
דאָס אָפטע קלאַפּען מיט די טירען,
די הילכיג־אומבאַדאַכטע טריט.

איך בין דער בעסטער בעל־הבית —
איך האָב קיין אָר'מע פרוי ביז יעצט
פאַר פאַלשע צוזאָגס, אָפטע ליגענס
פון דירה ניט אַרויסגעזעצט.

גלייך ווי אַ פויגעל

1

גלייך ווי אַ פויגעל זומער גאָרט,
און ווי אַ וואַנדערער אויף אַ שיף
לעכצט נאָך אַ בוים און גרינע גראָז, —
באַגער איך דיינע בריף.

אַ פאָטער קושט זיין איינציג קינד,
אַ ברודער קושט זיין שוועסטערס מויל,
און איך, מיין ווייטע שוועסטער, קינד, —
דיין בריוועלס יעדע צייל.

איך ליב די רויטע זומער בלום,
די קלאָרע זון איז טייער מיר;
נאָך ליבער פיל און טייערער
איז מיר אַ וואָרט פון דיר.

נ ע כ ט

2

און איז אין מיין הארצען א זעל נאָך פאראַן,
ביזטו דאָס, ביזטו;
און גלימערט א שיין נאָך פאר מיר אין דער נאכט, —
ביזטו דאָס, ביזטו.

און טו איך צום הימעל נאָך בעטען אמאָל, —
פאר דיר אַלײן, פאר דיר:
פארלעשען זיך זאָל ניט מיין איינציגער שיין,
פארלעשען פון מיר.

3

מיין שטערען וועט ווערען פארלאָשען,
און איך וועל פון זינען אראפּ
און וואנדלען צעמישט אין די גאסען,
ווי פייער וועט ברענען מיין קאָפּ.

און נאָכלויפען וועלען מיר קינדער,
ס'וועט טאָן ווער א צופּ, ווער א שלעפּ,
און אַלטע, ערפארענע אידען
מיר נאָכשאָקלען וועלען די קעפּ.

נאָר אויב ס'וועט א מיידעל, א יונגע,
די בלאַנדזשענדע אויגען דערזען,
דערשרעקען זיך וועט זי און טראכטען:
„וואָס עס קען פון א ליבע געשען...“

4

דער טאָג איז דער לעצטער געקומען,
מיר האָבען צום באַן איר געפירט.
זיי האָבען געקענט גוט די גאַסען —
איך איינער האָב אַלץ זיך געאירט.

אין וועג האָט מען עפּעל געהאַנדעלט,
און פלוימען געגעסען צו זאַט,
געשטיפט האָבען אַלע, — איך איינער
האָב שטיינער אויפן הארצען געהאַט.

א בלום האָט איר עמיץ געשאָנקען,
זיי האָבען צו בלעטלאַך געפּליקט,
און האָבען געלאַכט דערביי פריילאַך, —
דאָך מיך האָבען טרערען געשטיקט.

און באַלד איז דער צוג אָפּגעגאַנגען
און האָט איר פון אונז צוגענומען.
זיי האָבען געשפּאַסט, דאַכט זיך, — כ'ווייס ניט
ווי איך בין אהיים אָנגעקומען.

5

היינט וועסטו ניט זיין.
איך וועל קומען און מיינען אז דו ביזט פאַראַן ;
נאָר שטיין וועלען עלענד די שטולען, דער טיש,
דער לעדערנער ווייכער דיוואַן.

און זיצען וועל איך אויפן שטענדיגען אָרט,
אזוי ווי ס'וואָלט גאָר ניט געשען ;

נ ע כ ט

און קוקען אין שפּיגעל וואָס הייגגט אויפן וואַנט,
צי וועל איך דיך דאָרט ניט דערזען.

און צוהערען וועל איך צו יעדווידען שאָרך,
צום צישען פון גאַסען־וואַגאָן,
צום טיק־טאַק פון שנעלע, פון איילענדע טריט,
צי גייסטו, צי קומסטו ניט אָן;

און אויפכאַפּען וועל איך דעם ווייט־ווייטען סטוק
אַוואו, אויף אַ בלאַק־ווייטע טיר;
און אויפנעמען, דאַכט זיך, וואָלט איך דאַן געקענט
די טריט פון געדאַנקען אין מיר.

און לאַנג נאָך וועט מורמלען די שטאָדט אין איר שלאָף;
קומען וועלען נאָך נאַכט־געסט, צעגיין:
פאַר מיר וועט די נאַכט זיין אַ געסט און אַ טרייסט.
דו וועסט היינט ניט קומען צוגיין.

אויף גאַט׳ס באַראַט

דריטער טייל

I אויף גאָטס באַראָט

II איך גיי אין וועג

III נאָך דאַנקען גאָט

IV וואונדערליכע לענדער

V אינקאָגניטאָ

VI נעענטער צו דיר

VII דער מענש דער שטיין

VIII אין „וואָרד"

IX צום שטערן נויד

X אין געפאַנגענשאַפט

XI דער תנא זאָגט

אויף גאָטס באַראָט

1

אויף גאָטס באַראָט! זאָל ער מיך פירען
וואוהין ער וויל, און ווי ער וויל...
איך וועל אַנטקעגען זיך ניט שטעלען,
און ווי אַ קינד אים נאָכגיין שטיל.

אויף שפּיצען בערג, אין טיפע תהומות,
מיט אויגען אָפענע — דאָך בלינד;
אין לאַגער פון די ווילדע חיות —
דער טאַטע פירט, וועט גיין דאָס קינד.

2

מיין שטעקען האָב איך אויסגעהאַקט שוין,
מיין טאָרבע איז אויך צוגעגרייט;
איך לאָז זיך אויף גאַסען און וועגען —
אויף גאַסען, ווי נעצען פאַרשפּרייט.

מיין לייב וועלען דערנער צעשטעכען,
און שפּיציגע שטיינער — מיין טראָט,
און אומפאַלען וועל איך ניט איינמאָל,
צו לייטיש געלעכטער און שפּאָט.

שיינקט מענשען זלזולים — נדבות,
שיינקט גאָטער מיר צער און לייד;
מיין שטעקען איז דעמבען־האָלץ עכטער,
מיין בעטעל־זאַק טיף איז און ברייט.

3

זינגט מיין לייב צו גאָט אַ לויב,
זינגט צו אים אַ־יעדעס גליד.
קראַנק בין איך און שווער מיט פּלאָג, —
זינג איך אים און ווער ניט מיד.

פון דער פינסטער, פון דער נאַכט,
אויפן שוועל פון אונטערגאַנג,
שיק איך מיין געבעט צו גאָט —
שיק איך אים מיין לויב־געזאַנג.

גאָט האָט מיין געבעט דערהערט
און פון פּלאָג מיך אויסגעלייזט.
ליכטיג ווערט די מיטענגאַכט, —
זאָל גאָטס נאָמען זיין געגרויסט.

4

כ'האָב אין ים דעם וועג פאַרלאָרן ;
און דער ים, ער איז ניט שטיל.
איך וועל מאַסט און רודער וואַרפן —
זאָל דער ים טאָן וואָס ער וויל.

שלאָגען זיך מיט ווינט און כוואַליעס
איז פאַר מיינע כוחות ניט ;
גיב איך גאָט אַ שבח — אין זיינע
הענט באַהאַלט איך מיין געמיט.

כ׳זינג צו גאָט. א כוואַליע האָט שוין
אין מיין שיף געמאַכט א לאָך.
כ׳לאָז דעם רודער. לאַנד צי אָפּגרונט, —
ערגעץ וועט מיך ברענגען דאָך.

5

נאָר אויב מיין שיף וועט ערגעץ קומען,
איז ניט מיין שולד:
אין קראַנקער אומגעדולד
האָב איך די לייווענטען געריסען,
שטיק נאָך שטיק;
מיט מיינע ציין די שטריק צעביסען,
שטריק נאָך שטריק;
און אויסגעהאָלפען בלינד
מיין פיינד, דער ווינט.
און אויב מיין שיף וועט מיך וואו ברענגען —
ניט לאָז אויף מיינע אַקסלען הענגען
די ברודנע תכלית־זינד.
איך שווער דיר, גאָט:
כ׳בין ריין. דאָס האָט
געטאָן דער פיל־קאַפּריזנער ווינט.

6

איך בויג מיין קאָפּ, אָ גאָט, פאַר דיר.
און פאַר דער לאַסט, וואָס אָנגעלייגט
האָסטו אויף מיינע פּלייצעס, גאָט,
מיין גאַנצער גוף זיך בויגט.

אויף גאָט׳ס באָראָט

עס שווינדעלט מיר, ווי גיין וואָלט איך
זיך לערנען אויף אַ שטריק ;
מיט יעדען איינציג טראָט פאָראויס
באלד מאַך איך צוויי צוריק.

ווי גראָז אין פעלד, פון יעדען ווינד,
זיך בויגען, בויגען מיינע טריט.
ווי גראָז אין פעלד — דאָך אומפאלען
דערלאָזען וועסטו ניט.

7

איך בין ניט רייך. איך האָב איין בגד
פאר הויז און שול און פארן וועג.
אין מארק־טעג גיי איך אין אים האנדלען,
און גאָט בעטען אין יום־טוב־טעג.

עס פאלט אויף אים דער שטויב פון זומער,
דער קויט פון אָסיענדיגע טעג,
דעם רינשטאָקס שפריץ, — און אלע זייפען
פארוואשען ניט אַן איינציג פלעק...

אויף שמחות און צעווישען קלאָגערס
אין זעלבען קלייד. איך בין ניט רייך.
און מיט די אלע פלעקען קומען
דארף איך אין הימעלס קעניגרייך...

איך גיי אין וועג

1

איך גיי אין וועג. אין מיינע אויגען
קוועלט אָן א טרער באַלד נאָך א טרער;
דער זאַמד אויף מיינע פיס איז שווער,
עס הייגנט מיין קאָפּ צו דר'ערד געבויגען.

עס שיינט די זון. די לופט איז טרוקען,
נאָר פייכט דער זאַמד אויף מיינע פיס.
מיר איז אי טרויעריג, אי זיס
און נאָכאַנאַנד די אַקסלען צוקען...

2

איך האָב געפרעגט: פון וואַנען קומען
די לידער ווייַנענדיג אַזוי?
— זיי קומען פון א לאַנד א גרויסער,
און יענע לאַנד — זי רופט זיך: ווי.

איך האָב געפרעגט: ווער איז דער הערשער,
וואָס טוט באַפעלען איבער זיי?
— ער איז אַן אַלטער, טריבער קעניג
מיט ווייסע האָר, ווי ווייסער שניי.

איך האָב געפרעגט: וואוהין זיי ציען,
צו וועלכען ברעג? וואָס טוען זיי?
— זיי נעמען וואָר־באַפּעלקטע הערצער
און וואַשען ריין ווי פרישער שניי.

3

ניט דערפאַר קען איך ניט שלאָפען
וואָס צו נידריג איז צוקאָפען,
וואָס די קאָלדרע איז צעריסען,
און וואָס דורך די שויבען־שפּאַלטען
קומען ווינטען פריי און אָפען.

ניט דערפאַר, וואָס איך בין הונג׳ריג —
אַלטע, צוגעוואוינטע זאכען;
נאָר דערפאַר וואָס טיף אין הארצען
האָט שטיל אויפגעפלאַמט אַ ליכטעל,
און דאָס האַרץ וויל איצטער וואכען.

1908

4

אין דער שטילקייט פון נאַכט,
אין דעם בלוּיליכען שיין,
קומען גייסטער צו מיר,
שאָטענס שווימען אריין.

און אַנטפּלעקען פאַר מיר,
פאַר מיין צעל, מיין געצעלט,
וואָס זיי האָבען געזען,
און געהערט אויף דער וועלט.

און פאַרטרויען זיך מיר,
און באַריהרען מיך לייכט.
עס דערשפּירט זיי דער שלאָף,
און דערשרעקט זיך און ווייכט.

1908

5

אַ, גאָט פון די לידער, ביט יאָג מיך פון זיך,
איך דאַרף ניט קיין אַנדערען האר אויסער דיך.
איך ליב אויך די פרוי, וואָס דו האָסט מיך געשיקט,
די פיצלאַך, מיט וועלכע זי האָט מיך באַגליקט.

און פיהר מיך צום שופט, און פיהר אויפ׳ן שטעל,
און קלאַמער מיין אויער צום שופט׳ס טיר שוועל,
און נעם אויך דעם אַל און טו מיר מיין רעכט,
און זאָלב מיר אויף אייביג צו דיר פאַר אַ קנעכט.

1909

6

וואָס עס זאָגט אַרוים דאָס מויל
פאַלט אין גאַס אויף שטיינער,
מישט זיך אוים מיט שיך און קויט, —
טרעט עס יעדער איינער.

דאָס וואָס ס׳בלייבט אין הארצען — רוט
הינטער שלאָס און ריגעל,
ווי אַ קעניגס טעכטערל
אין אַ גאָלדען וויגעל —

זעכציג ריצערס איבער איר,
זעכציג קרוין־וואַסאַלען,
היטען, אַז קיין פרעמדער בליק
זאָל אויף איר ניט פאַלען.

7

איך וויים די גוטע, אַלטע גבירה,
וואָס באַרגט אויס פּערל־קרענץ און גאָלד,
און רויזען־טוי, און זונען־שטראַלען, —
איך האָב די טובה ניט געוואָלט.

איך האָב מיין שטוב־טיר אויפגעעפענט,
אַמאָל אין אַ פאַראומערט נאַכט,
און האָב צום שוועל צונויפגעטראָגען
אַלץ, וואָס עס האָט זיך מיר געמאַכט:

אַ שטיינדעל, וואָס אַ קליינער אינגעל
געוואָרפען האָט אין טיר אַריין;
אַ זעמדעל, וואָס דער ווינט געבראַכט האָט;
אַ וויטען שטערענס קאַרגען שיין;

פון פוילען דאַך אַ רעגען טראָפּען;
אַ רוישען פון אַ פרעמד יאַריד...
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאַטען
און פון דערפון געמאַכט מיין ליד.

8

מיר זיינען צוויי.
מיר דאַרפען מער ניט ווערען:
איך, — דער וואָס זאָגט,
און דער — וואָס וועט דערהערען.

אין גאָר דער וועלט
נאָר צוויי זיינען פאַראַנען:

איך — דער וואָס זאָגט,
און דער, — וואָס האָט פאַרשטאַנען.

און גאָר די וועלט, —
זי מעג זיך איבערקערען
נאָר פון די צוויי
זאָל ניט געמינערט ווערען.

נאָך דאַנקען גאָט

1

נאָך דאַנקען גאָט,
וואָס קיינער וויים
אוואו איך וואוין,
און וואו איך וויין;
איך בין אַליין,
נאָך דאַנקען גאָט.

ווען ס׳ווערט מיר אייננ,
קום איך צוגיין
צו זיך אַליין
און וויין זיך אוים
אין קישענס שוים;
נאָך דאַנקען גאָט,
נאָך דאַנקען גאָט.

2

גאָט דערהער די זיפצען מיינע.
גאָט! פאַרנעם מיין היים געבעט;
זע, די טרערען מיינע מאַכען
נאָס די קישען פון מיין בעט.

דו, דער חבר פון די קינדער,
פאָטער פון דעם אַלטען מאַן,
וואָס דו שיקסט די לעצטע טרייסטונג
וואו עס איז אַ נויט פאַראַן, —

דו דערזע די טרערען מיינע,
גאָט! פאַרנעם מיין שטיל געוויין.
זיי אַ טאַטע און אַ חבר; —
כ'בין אַן אַלטע קינד אַליין.

3

אזוי פיל מאָל צו דיר געררופען
און זיך געוועגדט;
און דו האָסט יעדען מאָל פאַרהערט מיך,
און — פאַרשעמט.

די פעטסטע שאָף, די שענסטע רינדער
צו דיר געבראַכט;
נאָר דו האָסט, ווי אַן אָרים מנחה,
מיין גוטס פאַראַכט.

און אַלע טויערען פון טעמפּעל
פון מיר פאַרמאַכט;
אין מיך האָסטו די גאַנצע עדה
צו שפּאָט געמאַכט.

4

מיין גאָט! מיין גאָט! דו ענטפערסט ניט,
דו וואוינסט דאָך אזוי ווייט,
און ביז מיין רוף דערגייט צו דיר
פאַרגייט אַ לאַנגע צייט.

אין ביז היינט האָט מיך ניט דערגרייכט
קיין חסד־שטראַל פון דיר ;
פאַר וואָס־זשע האָגעלט אזוי אָפט
דיין שטראָף, אָ גאָט ! אויף מיר ?

5

רבונו־של־עולם, דו גאָט פון מיין פאָטער,
מיין הארציגע תפלה הער צו :
פארגאַנץ די צעריסענע שטיקער פון הארצען,
און שיינק מיר אביסעלע רו.

רבונו־של־עולם, דו גאָט פון מיין פאָטער,
מיין הארציגע תפלה הער צו :
צעשטער די צעריסענע שטיקער פון הארצען
און שיינק מיר אביסעלע רו.

6

ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געוויינט
און שטיל געשלונגען טרער נאָך טרער, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

ווייל ליידיג איז מיין נאכט־געצעלט,
גלייך ווי מיין הארץ איז וויסט און לער, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

ווייל אויף מיין מנחה קוקט ער ניט
און הבל׳ס פעטס געפעלט אים מער, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

7

דו גרויסער קעניג פון די וועלטען,
הער צו מיין אָרעמען געבעט:
באַשער מיין טאָג מיט ברויט און פוטער,
מיין נאַכט — מיט א געטרייער בעט.

איך וויים, מיין תפלה איז צו קליינליך
און מיין פארלאַנג פעלט גרוים און שוואונג;
פאַר דיר, דאָך, הערר פון אַלע אוצרות,
האָט בליי און גאָלד דעם זעלבען קלונג.

אין כאָר פון שרייענדיגע מאַנער
מיין קרעכץ ניט לאָז פארלאָרען גיין;
אַן אויגענבליק, אַן איינציג רגע —
נאָר הער אוים, גאָט, דיין קנעכט, אַליין....

8

ניט זאָג: צו אונז וועט שלום זיין, —
דער אומגליק וועט באַלד קומען.
דער קריג וועט זיין אין יעדען הארץ,
אויף יעדען צונג און גומען.

די וועגען וועלען אָנפילען
מלחמה קאַראוואַנען
מיט רייטער, פוס־גייער און פערד
אין אייזערנע געשפאַנען.

און ווייבער וועלען מענער, זין
פון שטאָדט אַרויסבאַגלייטען,

און ווײַנען וועלען זיי, ווי ווען
מען טראָגט אוועק אַ טויטען.

באַשיץ באַטש, גאָט, מײַן אייגען שטוב,
דײַן צאָרן זאָל איר מײַדען:
זי איז אין קריג — אויך פול מיט קריג,
מיט שרעקען און מיט לײַדען.

9

און וואו נאָר איך גיי איז אַ שמחה, אַ פרייד,
און וואו נאָר איך טרעט — אַ חתונה־קלייד,
און וואו נאָר אין אויג איך באַגעגען — עס שטראַלט;
מײַן אייגענער בליק נאָר איז טרויריג און קאַלט.

וואָס גייען מיר חתונות פרעמדע דען אָן?
וואָס האָב איך מיט לייטישע שמחות צו טאָן?
איך בין ניט געלאַדען, מיך דאַרף מען דאָרט ניט, —
נון שלעפּ איך זיך ווייטער מיט וואַקלענדע טריט.

וואונדערליכע לענדער

1

וואונדערליכע לענדער,
וואונדערליכע טעג;
איז זון באַלויכט'נע שטונדען
ציען אין אַ ברעג.

אויפ'ן מיטען הימעל
לאַנג די זון שוין שטייט;

אויף גאָט'ס באַראָט

קיינער האָט נאָך קיינמאָל
געזען ווי זי פאַרגייט.

ווייסע וועגען לויפען
אין דער אייביגקייט ;
און די זון באַשטראַלט זיי
אויך אויף יענער זייט.

2

אין חלום נאָך האָט עמיץ שטיל
אין אויער מיר געזונגען.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — ס'האָט אַלץ
אין מיר דאָס ליד געקלונגען.

דער זייגער גייט, דער טאָג פאַרגייט,
ניטאָ קיין צייט צו הערען ;
דאָך זינגט זיך נאָכאַנאַנד — איך קען
דעם זינגער ניט פאַרווערען.

3

איך דאַרף ניט פיל. אָט הער מיך אויס :
איך וויל אַ שוועכטערליכען שויס,
וואו איך זאָל מיין קאָפּ אויסרועז
נאָך פוסטע וואָגלעניש און מיען.

איך וויל פון צייט צו צייט אַ שטראַל
זאָל אויף מיין סטעזשקע טאָן אַ פאַל ;
און גאַנצע שיך, ווען עס וועט רעג'נען ;
איך זאָל קיין גלח ניט באַגעגנען...

איך זאָל צו פרי ניט ווערען מיד...
גיב יעדען טאָג אַ נייע ליד
און יעדע נאַכט אַ נייעם חלום —
און איך וועל זיין מיט דיר אין שלום.

4

אַ ברייטען, גרינעם פעלד. זיך אויסשטרעקען
און צומאַכען די אויגען לאַנגזאַם, קוים...
די רעכטע האַנט פאַרוואָרפען צו דער שטאָדט,
די לינקע אויף דער ברוסט און אָטעמען
אי טיף, אי הויך און ניט געאיילט,
און הערען ווי דער ווינט גייט אויף די האָר אַרום,
און ווי אין אויער זינגט דער הונדערט-גאַסען שום,
און זיין אליין... אליין...

5

אייער קרעכץ פילט אָן די גאַסען,
אייער שרעק — די לופט;
דאָך צו מיר, פאַרזאָרגטע מענשען,
נאַריש וואָס איהר רופט.

צווישען מיר און אייער האַוועו
טויבט אַ וואַנד פון בליי;
אייער וויינען, אייער שרייען
גייען מיר פאַרביי.

כ'בין באַגינען אויפגעשטאַנען
און צום שוהל אַוועק;

אויף גאָט׳ס בּאָראָט

זיינט איר מיר פאַראויס פאַרלאָפען
און פאַרשטעלט דעם וועג.

האָב איך זיך אין זיך פאַרקליבען
אין אַ שעה פון נויט,
און פון שפּינוועבס און חלומות
זיך אַ שוהל געבויט.

ראָזיג־מילדע קינדער־געטשקעס
היינגען אויף די ווענט;
הויב איך אויף צו זיי די בליקען,
הויב צו זיי די הענט.

הערען זיי זיך, די געטרייע,
מיינע תּפלות צו:
שיקען ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
שיקען גליק און רוה.

6

דער גאָט, וואָס האָט ביז איצטער
אין נויט מיך אויסגעהיט,
וועט אויך אויף ווייטער היטען
פון אומגליק מיינע טריט.

דער גוטער גאָט אין הימעל
וועט איצט נאָך בעסער זיין:
ער וועט זיין קינד, מיך, פירען
צו זיך אין הויז אריין.

א ו י ף ג אָ ט ׳ ס ב אַ ר אָ ט

מיט אַלע גרויסע קינדער
מיך נעמען אין זיין קלייד, —
אַ ליכט פון זיבען זונען
איז אויף גאָט׳ס קלייד פאַרשפּרייט.

7

מיינע ים׳ען זיינען שטילע;
מיינע שיפען גייען ווייט;
מיינע שיפען וועלען קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פירט זיי אויף שטילע וועגען —
גאָט ווייסט דאָך די וועגען גוט.
וואָס־זשע האָב איך זיך צו זאָרגען,
ס׳וועט שוין אַלץ זיין גוט.

8

אַזוי ווי ער, — מיט קראַנקע גלידער
ליג איך צום קאַלטען בעט געשמידט.
פון בוימער, בלומען, זונען, פרויען
געבליבען איז ביי מיר — אַ ליד.

אַזוי ווי ער. דערזעלבער מלאך,
וואָס האָט געשוועבט איבער זיין קאָפּ
די לעצטע טעג אין מאַטינגאָן, —
לאָזט זיך אַמאָל אויף מיר אַראָפּ.

אינקאָגניטאָ

1

כ'בין אַ קעניג. מיינע לענדער
ציען זיך אויף טויזענט מיילען:
קוקט ניט קיינער — וואָס איך האָב ניט
וואו אַ שטונדע צו פאַרווײַלען.

כ'בין אַ קעניג. שטעט, געמיינדעס
קומען מיר אַנטקעגען גריסען.
קוקט ניט, וואָס איך שלעפּ זיך איינזאַם,
גיי צופוס און אָפּגעריסען.

כ'בין אַ קעניג. האָב אַ האַרעם
פול מיט יונגע, שלאַנקע פרויען.
קוקט ניט... קוקט ניט... איך דאַרף קיינעם
מיינע טרוימען צו פאַרטרויען...

2

דער טראָן איז גרייט, דער סצעפּטער וואַרט,
עס פעלט נאָך בלויז די קרוין.
צי הערסטו ניט, ווי ס'רופט דאָס פאָלק?
אָה, קום צוגיין, און קרוין.

איך האָב אַרומגעוואַנדערט לאַנג, —
אַ קעניג אָן אַ לאַנד;
געראַבעוועט, געצופּט האָט יעדערער
וועד ס'האָט געהאַט אַ האַנט.

איצט האָב איך אַלץ: אי לאַנד, אי טראָן,
דאָס פאָלק שטייט צו געבאָט;
אָה, קום צוגיין אין רעכטער שעה,
און קרוין מיך דורך דיין גנאָד.

3

אויבען שטיי איך. פילע קלאַפּטער
אונטען ליגט די גרויע גאַס,
און איך קוק אויף ווייטע שטרעקען.
לאַנג איז זי, די גרויע גאַס,

און ווי פליגען, שווארצע פליגען
פויזען מענשען, קריכען קוים:
אויבען שטיי איך; פילע קלאַפּטער
אונטען ליגט די גרויע גאַס.

ווייט אַנטקעגען שטייט אַ פּאַלאַץ:
ווייסער מאַרמאָר, טורעמס פיר;
ס'גלאַנצט די זון אין זיינע פענסטער,
און אַ זון איז יעדע שויב.

שטאָל-באַקלייד'טע ריצערס קומען,
שטעלען זיך ביי מיינע פיס,
גריסען דינעריש און העפליך,
טרעטען לאַנגזאַם אָפּ צוריק

מיט אַ זילבער-שפּאָרען קלינגען,
ווי פּאַר עכטע ריצערס פּאַסט,
דאַכט זיך מיר: איך בין אַ קעניג,
און די האַלבע וועלט איז מיינס...

1908

4

יעדען טאָג, א שעה פאַראַנען:
טו איך אוים די קעניג־קליידער,
נעם אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקען
און פאַרלאָז מיין אייגען חדר.

כ'לאָז זיך איבער מערק און גאַסען,
איבער אַפּגעצאַמטע הויפען.
איינגלאַך וואַרפען שאַרפע שטיינער,
בייזע הינט אַנטקעגען לויפען.

פרעמדע קליאַמקעס ברענען, בריען,
וואונדען מאַכען שאַרפע שטיינער; —
אינקאָגניטאָ אומגעוואַנדעלט
האָט א קעניג שוין ניט איינער.

5

עס וואָלט זיך מיר קיינמאָל גאָר גלויבען געקענט,
אז מיר זאָל א פריילאַכס זיך זינגען. —
נו, גיט־זשע די היטעל פון רויטען קאַרדאָן,
די מיץ מיט די גלעקלאַך וואָס קלינגען.

איך וועל מיט א פנים פאַרשמירטען אין פאַרב
דעם רוישיגען מאַרק זיך באַווייזען,
און וועל זיך צעשטיפען און וואַרפען די פיס
אין מייַנע פיל־פאַרביגע הויזען.

נו, גיט־זשע פון ברעטלאַך אין מאַרק א געצעלט,
אז איך בין א ליץ זאָל מען מיינען;

און צוגיין וועט עמיצער געבען אַ הער, —
ער וועט דאָן אי לאַכען, אי וויינען...

6

ווערלענס קעניגרייך

גאָלדענע ליוסטרעס און שפּיגלען
אויף אַ גין־גאָלדענעם פאָן;
רויטע, באַגולד'טע פאָרהאַנגען:
פעלט נאָר — אַ גאָלדענער טראָן.

בין איך אַ קעניג, אַ גרויסער;
דערפער און שטעט זיינען מיין;
אָפּט נאָר מוז ליידען דער קעניג
הונגער און איינזאַמקייטס־פּיין.

אויסצערען לאָזען דעם קעניג
איז דאָך אַ זינד און אַ שאַנד;
וועל גלייך דעם קאַנצלער באַפעלען...
— האָב איך קיין גלעקעל ביים האַנט...

עמיצער שאַרט זיך אין פאָרהויז, —
איז מיר דאָס שאַרען באַקאַנט...
זאָג איך „אריין!" — קומט צופויזען
מיין גענעראַל־אַדיוטאַנט.

מיין קאַמער־דינער — די קעציל.
בלינד איז זי, קריינקלאָך און קליין.

א ו י ף ג אָ ט ׳ ס ב אַ ר אָ ט

פרעג איך: צי פּאַסט פאַר אַ פאָלק דאָס —
לאָזען דעם קעניג אַליין?

גיי, מונטער אויף זיי, די בירגער,
שטורם דאָס לאַנד ווייט און ברייט;
זאָג זיי: דער קעניג — אין עלענד;
זאָג זיי: דער קעניג — אין נויט!

נעענטער צו דיר

1

עס זיינען לידער פילע דאָ
פון דאָרשט און זעט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט ד אָ ס ליד
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נעענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט־געזאַנג.
פאַרנעם, מיין גאָט, פון טיפען גרונט
מיין טיפע ליד פון אונטערגאַנג.

עס וועלען אַנדערע מאָרגען פרי
דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג.
דאָך איך זינג היינט די לעצטע נאַכט.
דאָס ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג.

2

מען זאָגט, אַז אין די לעצטע שטונדען
קומען איילענדיג צושוועבען

א ו י ף ג אָ ט ׳ ס ב אַ ר אָ ט

אַלץ וואָס איז געווען פֿאַרבונדען
מיט די יונגע טעג פֿון לעבען.

אַזוי פֿאַר מיינע אויגען קומען
פֿון קינדהייטס טיפֿע, שטילע גרונדען
פּערלען־קרענץ אַרויפֿגעשוואומען, —
זיינען דאָס די לעצטע שטונדען ?

מען זאָגט, אַז אַלע פּיין און ליידען,
וואָס האָבען אים צום בעט געבונדען,
פֿון אָפּגעצערטען גוף פֿאַרשיידען
אין די לעצטע לעבענס־שטונדען.

אויך איך האָב אַלעמען פֿאַרגעבען
אַלע ביילען, אַלע וואונדען ;
אַלע תביעות אויפֿגעגעבען, —
זיינען דאָס די לעצטע שטונדען ?

3

פֿערציג כמאַרעס קלייבען זיך
אויף מיין אַלטען קאָפּ, —
איינע וועט אַראָפּפֿאַלען
אויף מיין אַלטען קאָפּ.

פֿערציג שוואַרצע ליילעכער
פֿלאַטערען פֿאַר מיין טיר, —
איינע וועט מיך צודעקען,
איינע איז פֿאַר מיר.

פערציג גריבער עפענען
זיך פאַר מיינע פיס, —
איינע וועט מיך איינשלינגען,
איינע וועט נעוויס.

4

מיינע טעג און מיינע וואָכען
זיינען מיינס — מער קיינעמס ניט;
וויל איך — קאָרג איך זיי ווי רענדלאַך,
וויל איך — נעם איך און צעשיט.

רינגעל זיך אַרום מיט מענשען,
מיט די טרייסטע ביי דער זייט;
אין דער האַרבער שעה פון לעבען
וועט דער נאָענטסטער זיין ווייט.

אין דער האַרבער שעה פון לעבען
וועט ניט העלפען דיין געוויין.
פרייען פרייט מען זיך צוזאַמען,
אויסגיין אָבער — נאָר אליין.

ס׳שרעקט דער טויט, עס שרעקען ליידען.
וואויל איז דעם, וואָס נאָכן שטרייט
האָט שוין אויסגעגלייכט די גלידער;
וואויל איז דעם אויף יענער זייט.

5

ווען איך וואָלט די טויען־שטונדרען
ווידער אָנכאַפען געקענט,

ב׳וואָלט אין זיי מיין פּנים וואַשען —
מאָרגען־טוי געווען אַליין.

ווען איך וואָלט די מזרח זונען
ווידער אַנבליקען געקענט,
כ׳וואָלט אַנטקעגען זיי געגאַנגען —
מאָרגען־זון געווען אַליין.

נאַכט און אונטערגאַנג אַנטקעגען
גיי איך מיט געאײַלטע טריט ;
שאָטענס ליגען אויף מיין פּנים —
אונטערגאַנג בין איך אַליין.

6

די שיפען ליגען אויפן דעק.
געבליבען איז אַ טשאָוועז־שלאַנג,
וואָס פירט אהיים מיין גאַנץ פאַרמעג.
איך בעט : דער וועג זאָל זיין ניט לאַנג.

צוויי הענט, צוויי פיס מיין גאַנץ פאַרמעג,
דער טשאָוועז וואַרפט זיך הין און הער ;
דאָך ברענגען וועט ער פאָרט צום ברעג.
איך בעט : דער וועג זאָל זיין ניט שווער.

7

די אַרבייטס־וואָך ציט אָפּ,
דער שבת־קודש גייט ;
און איך האָב גאָרנישט נאָך
פאַר׳ן שבת צוגעגרייט.

און אז דער בעל־הבית
וועט מיך אַ שטרענגער פרעגן:
— וואָס האָסטו אויפגעטאָן
פון דיין נשמה וועגן?

אַ שולדיגער וועל איך
פאַר אים דאָך בלייבען שטיין,
און וועל ניט וואָגען אויך
פון אים אוועקצוגיין.

אָט דעמאָלט וועט זיך לייד,
מיין שוועסטער לייד דערנענטערען;
און פאַר מיין בעל־הבית
וועט זי מיך, לייד, פאַרענטפערען.

8

איך בין אַן אַלטער, אַלטער איד
און פאַר אהיים שוין פון יאריד.

אביסעל קראַנק, אביסעל מיד;
נאָר צום יאריד דאָך האָב איך ניט.

איך האָב געהאַנדעלט מיט אַ וועלט,
אמאָל מיט געלט, אמאָל אָן געלט.

געשעפטען אַלערליי געטריבען
און בין ביים שטעקען איצט געבליבען.

איך טראָג ניט קיין פאַרדרוס אויף קיינעם, —
דער מאַרק איז ניט פאַר יעדען איינעם...

א ו י ף   ג א ט ׳ ס   ב א ר א ט

איך אייל אהיים. עס ווערט שוין שפעט,
און אין דערהיים איז דא א בעט.

איך וועל אויף נאכט אין בעט זיך לייגען,
דער שלאף וועט צומאכען די אויגען.

אקסען, הענדלער, פערד און הינט
אלץ פארגעסט זיך, אלץ פארשווינדט — —
— — — — — — — — — — — —

9

איך מוז און וועל אוועקגיין,
צי פריער אדער שפעטער;
שוין שמידען זיך די רידלען,
שוין זעגען זיך די ברעטער.

די שמידען און די זעגער,
זיי לאכען ברייט און ריידען
פון שניט־צייט און פון תבואות,
פון חתונות און פריידען.

איך וועל אוועק פון דאנען
אן טענות און אין פרידען;
עס וועלען לאנג נאך לאכען
די זעגער און די שמידען.

10

דאס בלוט איז פון זיין הארץ גערונען,
ווען ער האט פון דער קארגער וועלט

א ו י ף   ג א ט ' ס   ב א ר א ט

דעם ערשטען בלויען פרייז געוואונען, —
דאס איז געווען זיין אפּצאָל־געלט.

דעם צווייטען פרייז האט ער גענומען
און האט באצאלט דעם העכסטען פרייז:
א יונגער מאן אריינגעקומען
און איז ארויס א ווייסער גרייז.

און ווען ער האט צולעצט געקראגען
דעם לעצטען פרייז, — האט פאר זיין שטוב
געווארט א שווארצער פערד־און־וואגען,
וואס האבען אים געפירט צום גרוב.

11

און ווען דער שווינענדיגער קוטשער
וועט צופארען מיט פערד און וואגען
און אויפקייטלען פאר מיר די טירעל, —
פארביי מיר וועלען זיך דורכטראגען,

ווי אין א קירכליכער פראצעסיע,
באגלייט פון קירכליכע געזאנגען,
די יארען, וואכען, טעג וואס זיינען
אומזיסט געבארענע פארגאנגען.

נאר ניט ווי אפּגעקארגטע קוואלען
און ניט ווי אפּגעדארטע בלומען, —
ווי יונגע, ניט גענוצטע זונען
אנטקעגען וועלען זיי מיר קומען.

דער מענש דער שטיין

1

די מאָנאַשקע

מיין צימער איז אַ שטילע צעלע,
און אַ מאָנאַשקע — איך אַליין ;
און ביי מיין בעטעל איז דער פּאָרהאַנג,
ווי מיין געהייליגט לעבען — ריין.

אַ צלמ'ל, אַן אַלטע ביבעל,
און ווייטער — גאָר נישט. גאַנץ אַליין.
פון אין דער־פריה ביז איצט געבעטען,
וועל אויף די קני באַלד ווידער שטיין.

און אין דערמיטען אָוועגד־תפילה,
ווען ס'וועט די זון שוין אונטערגיין,
וועט ווייגען שטיל דאָס האַרץ, — מיין לעבען
איז ווי מיין בעטעל'ס פּאָרהאַנג ריין...

2

ער שטייט אויף אום צוועלף האַלבען טאָג
און גייט אין די גאַסען אַרום ;
אַ חבר — אַ נויג מיטן קאָפּ ;
באַקאַנטע — ער לאָזט זיי דורך שטום.

און שטעלט זיך ביי שוי־פענסטער אָפּ
און קוקט אויף אַ נייעם קאָסטיום,
אויף ביכער, געבונדען אין פעל,
אויף שאַכטלאַך פּאַפּיר און פּאַרפיום.

אויף גאָט'ס באַראַט

ארום שרייט און קאָכט זיך די גאַס —
אַ טראַמוויי קלינגט „פּאַרזיכטיג" אָן;
אַ פּרוי שלעפּט אַ גנב ביים לאַץ —
וואָס ארט אים, וואָס גייט דאָס אים אָן?

און פּלוצלינג טוט ער זיך אַ ריס,
אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט
אָן איינעם, וואָס וואַרט אויף אים וואו,
אָן עמעם וואָס רעגט אים און מאָנט.

און ווידער גאַס איין און גאַס אויס,
אַ טריט נאָך אַ טריט... קוקט אריין
אין פענסטער: אויף האַלענדער וועש,
אויף שפּיל־צייג, אַנטיקען און וויין.

3

אַז וואויל איז דעם וואָס האָט אַ הונט,
וואָס האָט אַ הונט אין הויז;
דער הונט היט אים ביינאַכט, בייטאָג —
באַגלייט ער אים פון הויז.

אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ קאַץ,
וואָס האָט אַ קאַץ אין הויז;
דאָס קעצל שפּרינגט, — זאָל שפּילען זיך
אַ קעצעלע אין הויז.

נאָר ווי איז דעם, וואָס האָט קיין הונט
און האָט קיין קאַץ אין הויז;
ווייל ניט באַהיט און ניט געטרייסט
זיין לעבען טריפט ער אויס.

4

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט ליפּען פאַרדאַרשטע, פאַרהונגערטע אויגען.
און טיפע, פאַר׳חלומ׳טע קנייטשען־ראַזאַרעס
אַריבער זיין שטערען זיך האָבען געצויגען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט זיינע באַהאַלטענע ליידען און פריידען,
זיין האַרץ האָט ניט זעלטען געוויינט און געזונגען;
פאַר לייטען, פאַר לייטען — דאָך שטיל און באַשיידען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
זיין האַרץ האָט געזונגען, די ליפּען — געשוויגען;
און קיינער פון אַלע אַרומיגע מענשען,
אוי, קיינער געהערט האָט דעם ניגון.

1908-10

5

איר קענט זיי, די דאָזיגע קינדער:
אין אויג אַ דערשראָקענע טרער,
און ווען איר דערזעט זיי — אייך דוכט זיך,
זיי האָבען פאַרבלאָנדזשעט אַהער.

זיי טראָגען די לאַסטען פון לעבען,
און בלוטען, געבויגען דעם קאָפּ,
און ס׳גליטשט זיך פון זייערע ליפּען
קיין פאָרוואורף צומאָל ניט אַראָפּ.

כאָטש ווייניגע זיינען זיי ווי זיי דאָ,
דאָך טיילט זיי צו קיינער קיין בליק;

עס רופט זיי קיין זון ניט פון ווייטען,
קיין נאכט־לאגער רופט זיי צוריק.

זיי בלוטען באשיידען און שטארבען,
מען שטעלט זיי אַן איינפאכען שטיין.
א גרויען, א קליינעם, געמיינעם,
אזוי ווי דאס לעבען אליין.

1912

6

כ׳וואָלט געוואָלט, אַז דער מלאך פון רו און פון פרידען
זאָל קומען אויף זיידענע פליגלען צופליען
און קניען ביים בעטעל, אזוי ווי א מאמע
ביים וויג פון איר קינד טוט זיך קניען.

ער זאָל זיינע טויאיגע, קילענדע פינגער
צו מיין אָנגעצונדענעם שטערען צולייגען,
און ווייך און מיט גוטסקייט, אָן פיין און יסורים,
פארמאכען זאָל ער מיינע אויגען.

כ׳וואָלט געוואָלט, אז א וואָגלענדער שפעט אין די גאסען
מיט פראָסט־בלייכע ליפען זאָל שעפטשען מיין נאמען:
אז קדיש נאָך מיר זאָל א קינד־לאָזער זאָגען,
א יתום זאָל ענטפערען: אמן.

7

און גרויס איז דער פארדרוס, און גרויזאם די באשטראָפונג,
און שווערער נאָך ווי סם — איז דאס אראָפּצושלינגען.
עס ציטערען די הענט... איך הער די קאַלטע לעפעל
אָן מיינע ציין זיך שלאָגענדיג און קלינגען.

דער בעכער שטייט פאַר מיר אַ שרעקענדער, אַ פולער,
אין לעצטען זונען־שטראַל די וועגטלאַך זיינע גלאַנצען.
און ער, דער אכזר, וואַרט... איך ווייס, ער׳ט ניט אוועקגיין
אַוואו איך וועל דעם כוס ניט אויסלערען אין גאַנצען.

8

אויף יעדען טאָג און יעדער שעה
האָב איך געוואַרט;
און יעדער טאָג און יעדע שעה
האָט מיך גענאַרט.

ווי פאַלשע וואָלקענס, האָבען זיי
קיין טרייסט געבראַכט.
אומזיסט דעם הויך־געוועלבטען רוים
נאָר שווער געמאַכט.

אין „וואָרד“

1

זאָג, דו גרויסער גאָט,
דו, גערעכטער גאָט,
זאָג: מיט וואָס האָב איך
דען דערצאָרנט דיך?

אין אַ פינסטער נאַכט,
אויף אַ זייטיג וועג,
האָב איך קיינעם ניט
אָפגעהיט, באַרויבט.

אויף גאָט'ס באַראָט

כ'האָב די וויסטע טעג
ניט אין שענק פאַרבראַכט,
ניט גע'חבר'ט זיך
מיט קיין שלעכטע לייט.

ניט פאַר מאַרק און לייט,
ניט פאַר טויבע ווענט
האָב דיין נאָמען איך
ווען געלעסטערט, גאָט.

זאָג, דו, גרויסער גאָט,
דו, גערעכטער גאָט,
זאָג: מיט וואָס האָב איך
דען דערצאָרענט דיך?

2

דורך דעם בלויען רוים
גייט די זון פאַרביי;
פוך־באַפליגעלטע
ציען וואָלקענס דורך.

אויף דעם ווייסען שניי
לויפען קינדער אום;
פיסלאַך יונגינקע
שפּרינגען, דרייען זיך. —

נאָר איך איינער ליג
צוגעשמידט צום בעט.
צוגעשמידט צום בעט —
נאָר דער ווייטאָג רעדט.

1910

3

אָפטמאָל דוכט זיך מיר,
אַז מיין גרויסע שטראָף
איז אַ פרעמדע קלייד,
ניט פאַר מיר געניים;

ווי דער ווייסער שטויב,
ווי דער קאַלטער שטויב,
וואָס דער ווינטער ברייגנט,
וואָס דער ווינט טראָגט אָן.

כ'וועל זיך אויפשטעלען,
וועל אַ שאָקעל טאָן
מיט די אַקסלען ברייט, —
וועל זיך אָפטרייסלען.

וועל זיך אויפשטעלען,
וועל אַ טופּע טאָן
מיטן פוס אַן דר'ערד:
„גיט אַהער די פערד!“

1910

4

איר שלוחים פון אַ קאַלטען לאַנד,
ווער האָט נאָך אייך געשיקט?
און די מתנות אייערע, —
איך דאַרף, איך דאַרף זיי ניט.

איר קערט צוריק צו אייער האַר
און זאָגט אים מיין פאַרלאַנג:
„איך וויל נאָך זעהען קאָסעס גלאַנץ,
און הערען סערפּעס קלאַנג“.

און זאָל ער זיכער זיין, דער האַר,
כ׳וועל קומען אין דער צייט;
דערגרייכען וועט מיך זיין באַפעל, —
איך וואוין דאָך דאָ ניט ווייט.

5

שטיים די שטילע האַלב־נאַכט,
נאָר די זייגערס גייען.
דורך די ברייטע פענסטער
לינדע ווינטלאַך ווייען.

פון דעם ווייטען הימעל
פאַלט אַ שיין אַ בלייכער;
ווערען בעט און קישען
האַרציגער און ווייכער.

דעמאָלט קומען מיידלאַך,
פלוצלינג, ווי באַשוואָרען,
דורך די נאַכטלאַד־לאַנגע,
לערע קאָרידאָרען.

טרעטען ווייך און מאָדנע,
ווי אין טיפע גראָזען,
אַקסלען אָפּגעבלויזטע,
שווערע צעפּ צעלאָזען.

אַנד׳רע קומען ווידער
גאָר ניט אָנגעטאָנען;

אויף גאָט'ס באַראָט

בוינעדיגע לייבער
לאַסטשען זיך און מאָנען:

„קינדער פון איין שטעדטעל,
טאָג און נאַכט אינאיינעם, —
האָסטו מיך געליבט נאָר,
מיך נאָר און ניט קיינעם.

„נאָר דאָס ריכטיג וואָרט איז
קיינמאָל ניט געקומען;
אַז אַ קאַמף, אַ פרעמדער
האָט מיך צוגענומען."

נענטערט זיך אַ צווייטע,
אויגען ברייט צעעפענט,
אויפן קאָפּ אַ מירט-קראַנץ,
שעפּטשעט שטיל און פרעפּעלט:

„אויף מיין חופּה-בעטל
האָב אומזיסט געוואַרט איך;
ניט פאַרפירט, אַז ליגען
האָסטו אָפּגענאַרט מיך.

„ווען דעם מזרח-הימעל
האָט אַ שטראַל געשפּאַלטען,
האָב איך דיך אויף אייביג-
אייביגקייט פאַרשאַלטען."

אָפּגעזאָגט דאָס אירע, —
יעדערע פאַרנייגט זיך;

אויף גאָט'ס באַראַט

יעדער וואָרט — אַ מיל־שטיין
אויפן הארצען ליגט זיך.

ווי דורך נעבעל־שלייערם
אין אַ הייסען פיבער,
קומען נייע. שלאָגען
איינם דער צווייטער איבער.

שטויסען איינם דער צווייטער,
ריידען אַלל־צוזאַמען;
אין די אויגען — ליבע
און פאַראַכטונג ימ'ען.

פּלוצלינג האָט דער זייגער
פיר מאָל אויסגעשלאָגען.
אין די ברייטע פענסטער
הויבט אָן בלוי צו טאָגען.

דרויסען הויבט אָן טאָגען.
שורות ווייסע בעטען.
פונם שלאָף אַ קראַנקער
האָט אַ טרונק געבעטען.

צום שטערען נויד

1

צום שטערען נויד
איז מיין געבעט.
צום שטערען נויד —
אי פרי, אי שפּעט.

אויף גאָט׳ס באָראָט

דער שטערען נויד
הייננט איבער מיר.
דער שטערען נויד
וואכט איבער מיר.

דער שטערען נויד,
ער דרינגט אריין
דורך אַלע ווענט
און שענקט זיין שיין.

און וועמענס זון
עס איז פארשטעלט,
און וועמענס ציל
עס איז פארפעלט, —

צום שטערען נויד
זאָל זיין געבעט
ווי מיינע, זיין
אי פרי, אי שפעט —

2

עס גייען די גוים אין קלויסטער,
עס לויפען די אידען אין שול;
מיט קניער און בעטער און וויינער
די הייזער פון גאָט זיינען פול.

כאָטש דו האָסט דיין ליכטיגען פנים
נאָך אלין ניט באוויזען צו זיי.

און האָסט מיט קיין איינציגען צייכען
דערווייל ניט געלינדערט דעם וויי —

דאָך לייגען די מענשלאַכע קינדער
די האָפנונג און טרייסט נאָר אויף דיר;
באַשער מיר, רבונו של עולם,
כאָטש קושען דעם שוועל פון דיין טיר.

3

עס קלינגען סערפּ און קאָסע,
דאָס איז די צייט פון שניט.
איך הער באַקאַנטע שטימען,
איך הער די שניטערס טריט.

איך זע די מיידלאַך קומען
מיט בלומען אין די האָר;
זיי נייען און זיי זינגען
צוזאַמען אין אַ כאָר.

עס ברעכען זיך די וועגען
פון שווערער סנאָפּעס לאַסט;
צו זאַט וועט איצטער עסען,
ווער ס'האָט ביז היינט געפאַסט.

איך וועל אין פעלד ארויסגיין
זען וואָס איז מיר באַשערט.
איך האָב דאָך אויך אַ חלק
אויף גאָטס געבענשטער ערד.

4

דער האָט א גדר אויפגעשטעלט
צו אויפהאַלטען די טויטע וועלט ;
און דער האָט אויסגעבויט א שול, —
זיין לויב מאַכט אַלע הייזער פול.

און איך, מיט הענט פארשמירט אין ליים,
איך גיי מיר אויפבויען א היים,
א הויז פאַר וואָכעדיגע זאָרגען.
וואָס ליגט, גאָט, אין דער הויז פארבאָרגען ?

צי וועט מען דאָרטען שמחות מאַכען.
צי וועלען דאָרטען קינדער לאַכען,
און אפשר וועט מען גאָר א טויטען
פון יענעם הויז ארויס באַגלייטען ?

און אפשר שוין ביי פענסטער שטעלען,
צי גאָר ביים אויסלייגען די שוועלען,
פון הימעל וועט אראָפּ א פייער
און צונעמען וואָס מיר איז טייער.

5

דער ערשטער זומערדיגער גאַסט
איז פּלוצלינג אָנגעפאָרען.
נאָך נעכטען בין איך אין מיין הויז
געזעסען און געפראָרען.

נאָך נעכטען האָט אָן אייז געקלאַפּט
דעם גאַסען־ראַמערס אייזען, —

א ו י ף   ג אָ ט ׳ ס   ב אַ ר אָ ט

און היינט אין בלויזע טאַליעס שוין
אויף גרענד סטריט מיידלאַך שפּרייזען.

ווער ווייס, עס קענען נאָך ביי גאָט
געמאָלט זיין אַנד׳רע וואונדער —
עס זינגט אַ יעדע גרעזעלע
צו   א י ם   אַ לויב באַזונדער.

1909

אין געפאַנגענשאַפט

1

געפאַנגענע זיינען מיר אַלע
און זיצען אין איינצעלנע צעלען;
מיר קענען ניט אונזערע שכנים —
די אייביגע ווענט זיי פאַרשטעלען.

און יעדערער שלאָגט זיך באַזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון זיין תפיסה,
ווען טויזענטע נאָענטע כאַרכלען
אין לעצטע מינוטען פון גסיסה.

2

ווערט פון שעה די תפיסה איינגער,
מזל־בלינד גייט וואַנט אויף וואַנט;
שטרעק איך אויס אַ האַנט, — אָן קאַלטע
שטיינער בריט זיך אָפּ מיין האַנט.

נאָך אַ טאָג און נאָך אַן אָווענט, —
וועט מיך איינפּרעסען דער שטיין;

ווען די תפיסה וועט צעפאַלען,
וועל איך זיין אינגאַנצען שטיין...

3

א זון־שטראַל פון שלאָף האָט געוועקט מיך,—
האָב איך דאָס פאַרשטיין ניט געקענט:
ווי קומט גאָר דאָס ליכט פון די פעלדער
אהער צווישען אייזערנע ווענט?

א לוסטיגער ווינט האָט געגלעט מיך, —
האָב איך ניט געקאָנט אַלץ דערגיין:
ווי קומט גאָר דאָס קינד פון די פעלדער
אהער אין די צעלען פון שטיין?

א בלומען־גערוך האָט גערעגט מיך, —
האַלב וואַך שוין האָב איך אַלץ געטראַכט:
ווער האָט עס דאָס גליק פון די פעלדער
אין צימער צו טראָגען געבראַכט?

4

העי, שומר! שומר אויף דער וואַכט!
וואָס טוט די נאַכט? וואָס זאָגט די נאַכט?
ווי לאַנג וועט זי נאָך שטיין מיט גוואַלט? —
דעם שומר'ס קול פאַלט הארט און קאַלט:

— די נאַכט איז גרייט אין וועג אריין,
דאָך, ניט פאַר יעדען טאָג וועט זיין;
פאַר וועמען — ליכט, פאַר וועמען — נאַכט,
און ווער עס וויינט, און ווער עס לאַכט!

5

פון קאָפּ די שיכּרות שלאָג ארויס,
און רייב די אויגען ניכטער אויס;
פון הארצען טרייב ארויס דעם חלום,
און מאַך מיט דיינע גראַטעם שלום.

וועסט זען א בוים פון ווייטען בליען;
א פויגעל וועט אַמאָל דורכפליען; —
דו זאָג צו זיך: ס׳איז ניט באַשערט,
געוויס בין איך ביי גאָט ניט ווערט...

6

כ׳האָב ראָזיגע וואָלקענס געזען אין דער פרי —
א שפּרייטונג פאַר קומענדע זונען;
אומזיסט זיינען גאָלדענע שטראַלען
אויף אייזערנע גראַטעס געפאַלען.
די וואָלקענס, זיי זיינען צערונען.

כ׳האָב פּורפּורנע וואָלקענס אין אָוונט געזען,
די טריט פון פאַרגאַנגענע זונען.
באַגילט האָט די זון אַלע וועגען,
ווען איך בין אין נאַכט דאָ געלעגען;
אויך די וואָלקענס זיינען צערונען.

דער תנא זאָגט

1

דער תנא זאָגט: דער טאָג איז קורץ,
דער מדבר האָט קיין ברעג,

 א ו י ף ג א ט ׳ ס ב א ר א ט

און ווי דו זאלסט ניט שפרייזען שנעל —
וועסט שטארבען אויפן וועג.

און בלייבען וועט די שיינע שטאט,
וואס גלאנצט אין ווייטען רוים,
פאר דיר נאר א פארפירעניש,
א ליגנערישער טרוים.

2

די סומע פון ליידען איז גרעסער
איידער די סומע פון גליק, —
אזוי האט געזאגט א פילאסאף
מיט דורות און דורות צוריק.

די כוואליעס פון ליידען פארשווינקען
דעם קינדערשען אינזעל פון גליק;
פון אייניקעל ביז צום דעם זיידען
ציט זיך פון ליידען א בריק.

די סומע פון ליידען איז גרעסער
איידער די סומע פון גליק;
די כוואליעס פון ליידען פארשלינגען
דעם קינדערשען אינזעל פון גליק.

3

א שינדעל, א פענסטער, א ברעט,
און האמער און מייסטער און שלאג,
אין איילעניש בינד זיי צונויף —
עס טונקעלט, עס זעצט זיך דער טאג.

עס זעצט זיך, עס טונקעלט דער טאָג,
און פּלוצלינג קען קומען די נאַכט.
דו שטייסט א פארלאָר׳נער אין פעלד —
דו האָסט דיין געצעלט ניט געמאַכט.

א ברעטעל, א שינדעל, א ראָם, —
ס׳וועט גאָר־נישט ארויסגיין דערפון;
דיין הויז וועט צעטראָגען דער ווינט
נאָך איידער ס׳וועט אויפגיין די זון.

4

די צייט איז קורץ, די זון פארגייט,
די שאָטענס שווינדען פון די ווענט.
די שיפעל וואַרט. פון אונגעדולד
דער איבערפירער רייבט די הענט.

די צייט איז קורץ, די זון פארגייט,
און וואָס דו האָסט איז אויך צו פיל...
דער טייך איז גלאַט, דער שיפער פלינק,
דער גאַנצער וועג — א קינדער־שפיל.

אָט קומט ארוים די טונקלע נאַכט
און טייך און הימעל ווערען בלאָה.
די שיפעל וואַרט. דער שיפער רופט.
א גוטע נאַכט. אין א גוטער שעה . . .

5

נאַריש! מיט צעפראָר׳נע פינגער
כאַפּסט זיך פאַר דעם דאַרען רוט;

האָסט צי צווייגעל — איינס וועט ברעכען,
און אומזיסט איז האַרץ און מוט.

זעסט ניט ווי דער אָדלער דרייט זיך
אין דעם טונקעלען זעפיר?
און דעם לאַנגען האַלז און שנאָבעל
האַלט ער אויסגעשטרעקט צו דיר?

ווי דו גליטשסט זיך נאָר אַרונטער,
פאַלט ער גלייך אויף דיר אַראָפּ,
פּיקט פאַר טאָג און הימעלס־אויגען
דיר די אויגען אויס פון קאָפּ.

6

דאָס לעבען קלאַפּט אין פּויקען,
דער טויט, ער פליסטערט שטיל;
דאָך ווער פון טויט געלאַדען,
דער גייט, און טראַכט ניט פיל;

לאָזט טענץ און לאָמפּען איבער,
לאָזט פולע בעכער שטיין,
און שווייגענדיג זיך זעגענט:
מען מוז, מען מוז דאָך גיין.

7

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאָף, —
עס דרעמעלט קיינמאָל ניט גאָטס שטראָף.

— — — — — — — — — — — — — —

אזוי לייגט זיך אַמאָל אַוועק
אַ קאַץ אין הייסע זומער טעג
ביים ראַנד פון דאַך. שטרעקט אויס די פּיס,
ציט אויס דעם האַלז, — זי דרעמעלט זיס...
אַ פייגעל, נאַריש, פּונקט ווי מיר,
שוועבט זינגענדיג אַראָפּ אויף איר.
אַ בליק — און ס׳האָט די קאַץ פאַרשלונגען
די פייגעלע, וואָס האָט געזונגען.

— — — — — — — — — — — — — —

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאָף,
עס דרעמעלט קיינמאָל ניט גאָטס שטראָף.

8

פאַרשליס דעם ווייטאָג אין דיין האַרץ.
ער זאָל דעם צונג ניט איבערשפּרייזען.
פאַרטרוי אים ניט דיין ליבסטען פריינד
און זאָלסט דער גאַס אים ניט באַווייזען.

און ווען נאָך לאַנגע נעכט וועסטו
אויף אים אַ קוק טאָן זיך פאַרגינען, —
אין האַרצענס שענסטען קעמערעל
וועסטו אים פריש און יונג געפינען.

9

דער הימעל הייננט אויף מיינע ברעמען,
אויף מיינע אַקסלען רוט די וועלט ;
און איך אַליין — נאָר אויף אַ ווייל
האָב זיך דאָ אַפּרוהען געשטעלט.

און ווען מיין אויג זאָל זיך פאַרשליסען
ווערט זון, לבנה אָפּגעשטעלט ;
און ווען מיין פּוס זאָל זיך אַ גליטש טאָן
ווערט אומפאַלען אַ גאַנצע וועלט.

10

יוער וויים. אפשר טראַכטען די טישען,
די בענק וואָס מיר זיצען אויף זיי.
עס שעמט זיך דער שוועל וואָס מיר טרעטען,
עס טוט וויי אין בעמעל דער שטרוי.

ווער וויים, אפשר יעטווידער שטיינדעל
און יעטווידער זעמדעל אויף דר׳ערד,
וואָס אונטערן טראָט וואָלט געשריען,
ווען גאָט וואָלט אַ שפּראָך אים באַשערט.

און מיר, וואָס פאַרטויבען די הימלען
מיט אונזער געוויין און געשריי, —
מיר זיינען נאָר זאַמד אויף די וועגען
און געלע, צעבראָכענע שטרוי.

11

געוועזן ביינאַכט אַ גרויסער ווינט,
געזונקען איז די שיף געשווינט ;
געראַטעוועט האָבען זיך ניט פיל
פון שטורעם, נאַכט און כוואַליעס־שפּיל,

אַ בלייכער טאָג. מען זעט קיין ברעג.
דאָס שיפעל טראָגט זיך אָן אַ צוועק.

אויף גאָט'ס באָראָט

ביי זיך — סוכאָרעס קנאָפּ און נאָס
און ווײַן אביסל אין אַ פלאַש.

נאָך רייסט דער נעכטיגער געשריי
דאָס אַנגעליטען הארץ אויף צוויי;
און נאָכן שיפעל יאָגט דער טויט
מיט פליגלען זיכערע צעשפּרייט.

און ער — ער טוט פון צייט צו צייט
אַ זופּ די רויטע פליסיגקייט, —
פאַרגלייכענדיג דעם זיסען טעם
מיט יענער ביטערניש פון ים.

12

בויט זיך אַ ריזיגער בנין;
מיר שטעלען די זיילען, די ווענט.
ניט קיין ערפּאַרענע — ציטערן
די ציגעל אין אונזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיגע מענשען —
פאַרדרייען זיך אָפטמאָל די קעפּ,
פאַלען מיר איינס נאָכן צווייטען
פון לייטערס, געהילצען און טרעפּ.

פאַלען — ווי וועמען באַשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פאַליעס, אין קויט,
ווער עס פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — צעשלאָגט זיך אויף טויט.

13

דעם צדיק'ס וועגען זיינען זיכער,
דער רשע שטרויכעלט נאָכאַנאַנד;
ווי כוואַליעס אונטער אים זיך וויגען
די בערגלאָך און דאָס פלאַכע לאַנד.

דעם צדיקס שלאָף פאַרגייט אין פרידען;
נאָר פול מיט שרעק דעם רשע'ס נאַכט:
ביים בעט צעעפענט זיך אַן אָפּגרונד;
ער ליגט די גאַנצע נאַכט און וואַכט...

און וואָס ער טוט און ווי ער האַנדעלט,
אים דאַכט זיך אַלץ: ער האָט געגרייזט.
דעם צדיק'ס טראָט איז פעסט און זיכער, —
ביים זייט אַ גוטער מלאך שפּרייזט.

14

איבער זיי פון זאַמד אַ וואָלקען,
ווי אַ דאַך, פאַרדעקט די שיין;
געלער נעבעל, שווער און דושנע,
וויקעלט קעמלען, מענשען איין.

זעט דער צווייטער ניט דעם ערשטען —
דורות ציען אָן אַ ברעג;
נאָך דעם פריערדיגענס פוס־טריט
זוכט זיך יעדער דור זיין וועג,

נאָך די צייכענס אויפן שליאַך־וועג.
טרעפט אַמאָל: אַ ווינט פאַרטרייבט
יענע צייכענס, ווער ס'איז הינטען — —
צווישען זאַמד און הימעל בלייבט.

פון איינעמס לידער

פערטער טייל

I אייגנע וועגן

II אין קאפע

III אומשולדיגע לידער

IV פון איינעמם לידער

V געמישטע לידער

VI דריי וואונשען

VII האפיז

איינגע וועגען

1

ווען דער ליבער גאָט
וויל באַשטראָפֿן דיך,
זאָגט ער: מענש שטיי אויף,
קליייד זיך אָן אויף גיך.

נעם דעם וואַנדער־שטאָק
אין דיין רעכטער האַנט,
און פֿאַרבייט די היים
אויף אַ פֿרעמדען לאַנד;

וועסט אָן פֿרעמדען שוועל
בלוטיגען די פֿיס;
ברעקלאַך אויפֿקלייבען
פֿון אַ פֿרעמדען טיש.

אין דעם פֿרעמדען כּוס
איז דער וויין פֿאַרגאַלט;
פֿון דעם פֿרעמדענס שפּאַס
ווערט אי היים, אי קאַלט.

ביי דעם פֿרעמדען טיש
ווערגט דער ביסען ברויט.
איידער מענשענס גאָב
ליבערשט שוין דער טויט.

1910

פון איינעמס לידער

2

ווען איך בין אוועק פון דערהיים
האָט קיינער אין וועג מיך באגלייט.
דער איינציגער הויז־פריינד, די קאַץ,
געקוקט האָט אויף מיר שטומערהייט.

דער מארק האָט געהאנדעלט, געקאָכט,
אין גאַס האָבען קינדער געשפּילט.
מיין בליק האָט געווענדט זיך צו זיי,
נאָר קיינער האָט אים ניט דערפילט.

א שטעקען, א נייעם, אין האנט,
אין קעשענע — תפילין און ברויט.
געגאנגען בין איך אין דער וועלט —
דער ווינט מיינע טריט האָט פארווייט.

מיין מאמע געשטאָרבען שוין לאַנג,
געווען איז מיין טאַטע אויך טויט,
און שוועסטער און ברידער און פריינד —
זיי זיינען געוועזען צעזייט

אין אלע פיר עקען פון לאַנד
און האָבען געוויס ניט געטראַכט,
אז וואו אויף א זאמדיגען וועג
א ברודער שלעפּט אום זיך פארשמאַכט.

און לאַנג איז געוועזען מיין וועג
אין רעגען, אין היץ און אין ווינט.
איך האָב אין די דערפער געזען
אויף סמעטניקעס בילענדיג הינט.

1910

און אקסען וואס ציען דעם יאך,
און פערד צו א קארעט געשפאנט,
און פאסטוכער היטענדיג שאף,
און גוים פארזייענדיג לאנד.

ס'האט יעדער געוואוסט וואס ער טוט,
די ארבייט געהאט האט א זין;
איך איינער האב מורא געהאט
זיך פרעגען: צו וואס און וואוהין?...

3

זע, דער בעטלער, בלייך און בארוועס
איבער פרעמדע הייזער גייט,
הויבט זיין בליק צו יעדען פענסטער,
בויגט זיין קאפ פאר יעדען טויער,
בעטעלט שטום א שטיקעל ברויט.

און עס עפענען זיך רוישלאז
טיר און פענסטער, דא און דארט;
ווער עס גיט אים אן אקראיעץ,
ווער אן אפגעשייערט פרוטה,
ווער עס שיינקט א גוטען ווארט.

פאר דעם מזל'ס ברייטען טויער
שטיי איך מיד און אפגעשוואכט:
און דער מזל, ווי א קמצן,
זיצט און ציילט די גאלד'נע רענדלאך,
קוקט פון פענסטער נאך און לאכט.

1910

4

מײנע גליקען־רײכע שטונדען,
מײנע זונען־קלאָרע טעג
בלאָנדזשען װי יתומים־קינדער
אױף אַן אומבאַקאַנטען װעג.

און זײ זוכען מיך און רופען
און געפינען מיך ניט אױס;
פאַלען זײ אין פרעמדע אָרעמס,
טוליען זיך אין פרעמדען שױס.

1908

5

איך האָב געבעטען:
„גיט אַ שיפעל מיר אַ קלײנע,
אַן אַ רודער בײ דער זײט;
װעל זיך לאָזען אױפן שיפעל
ערגעץ שװימען, שװימען װײט,
און אַ בלישטשענדיגע װענטקע
מיט אַ האַקען אױפן עק,
װעל איך העכט און שלײען כאַפּען,
מאַכען סעודות אױפן װעג.“

איך האָב געבעטען:
„גיט אַ פערדעל פון דער סטעפּ מיר,
אַן אַ צױמעל בײ דער זײט;
װעל זיך זעצען אױפן פערדעל,
ערגעץ פליען, פליען װײט.
און אַ װײסע שטריק, אַ לאַנגע,

מיט א פעטליע אויפן עק; —
וועל איך וועלף און פוקסען כאפען,
מאכען סעודות אויפן וועג."

איך האב געבעטען —
און דערפילט האט זיך מיין תפילה:
אָן אן אָנהאלט ביי דער זייט,
איבער כוואליעס, איבער סטעפעס
טראָגט מיך ערגעץ, ערגעץ ווייט.
בין אליין צו רויב געוואָרען
אין דעם לאַנגען, ווייטען וועג;
וועלף און פוקסען, העכט און שלייען
מאכען סעודות אויפן וועג.

6

עס קען זיין, מען קען מיך וואו־ערגעץ,
בין אימיצען טייער און נאהנט,
איך ווייס ניט, וואו זאָל איך אים זוכען,
איך ווייס ניט וואו יענער מענש וואהנט.

עס קען זיין, איך האב טויזענד ברידער
אהינטער די שטיינערנע ווענט;
אומזיסט דאָך געקלאַפּט אין די טירען, —
קיין איינער האט מיך נים דערקענט.

עס קען זיין, אז עמיץ דערמאָנט מיך
און זיצט לאַנגע שעה'ן און וואַרט;
אומזיסט האט א הארץ זיך פארנומען —
וועט ווערען, ווי מיינס, אפגענאַרט.

7

ניט קיין טאטע, ניט קיין מאמע,
אויף דער גאנצער וועלט ניט קיינער;
גליטש איך זיך צום טיפען אפגרונד,
שפילענדיג זיך איינער, איינער...

קיינער זעט ניט, קיינער שטערט ניט,
גיי איך בארוויס אום אויף שטיינער,
מיינע פיס פארבינדט ניט קיינער —
איינער בין איך, איינער, איינער.

כ׳פליק די דינע לעבענס פעדים
מיט צעקרימטע שפיזלאד־ציינער:
אן א פריינד און אן א גואל —
איינער בין איך, איינער, איינער.

8

שטילער פון דעם טייך וואס שווימט,
שפל׳ער פון גראז אין פעלד
פויזע איך ביי מענשענס פיס, —
איך, א מענ׳ש אויף אויף דער וועלט.

עמיץ גייט נאך הינטער מיר,
גאר דעם יאר מיט מלקות שמייסט,
און אן אלטער קברות־מאן
שטיקער פון מיר קריעה רייסט.

9

כ'האָב געוואָנדערט איבער כוואַליעס,
זיך געטראָגען איבערן תהום ;
דאָך, גאָט דאַנק, איך בין דערשוואומען —
און אַ פעלז איז איצט מיין היים.

רופט מיך ווער, פאַרפירען ווינטען
יענע שטימע ערגעץ וואו.
שטרעקט אַ האַנט מיר אויס אַ חבר,
גנב'עט זי דער חושך צו.

אין קאַפע

1

עס זיצען דריי געסט ביי אַ טישעל,
און פרעמד זיינען איינער דעם צווייטען.
און יעטווידער טראַכט זיך באַזונדער
אַם זיכערסטען ווי זיך צו טויטען.

דער ערשטער :
כ'וועל טירען און פענסטער
פאַרקלעפען, דעם גאַז לאָז רינען.
אויף מאָרגען וועט מיך דער פרימאָרגען
אַ בלויען, אַ קאַלטען געפינען.

דער צווייטער :
אַ קרוק שטעקט אין באַלקען,
איך האָב אויך אַ האַנדטוך אַן אַלטען ;

פון איינעמס לידער

איך וועל אויפן האנדטוך זיך הייגגען,
דער קרוק וועט די משא דערהאלטען.

דער דריטער:
איך וועל אויף צו־פּלייסען
צום פענסטער א גיי טאָן און שפּרינגען.
מיין פענסטער איז הויך... טאָ וואָס אַרט מיר, —
זאָל נאָכדעם דער אַמבולאַנס קלינגען...

עס זיצען דריי געסט ביי א טישעל.
דריי פרעמדע? — דריי נאָענטע ברידער.
זיי צאָלען, און גייען פאַנאַנדער —
זיי וועלען זיך טרעפען ד אָ ר ט ווידער.

2

א גאַנצען טאָג איז מען געזעסען,
געפּלוידערט פאַרשידענערליי;
פאַרבאָרגען האָט איינער פון צווייטען
וואָס אים טוט אָם הארציגסטען וויי.

באַקלאָגט האָט זיך ווער אויף די טורעמס:
זיי לאָזען דעם הימעל ניט זען;
און האָט אויסבאַהאַלטען, וואָס קיינמאָל
איז ער נאָך געליבט ניט געווען.

א צווייטער האָט ברוגז געמורמעלט,
וואָס טייער איז דירה און ברויט;
און האָט ניט געוואַגט צו דערציילען,
ווי נישטיג זיין לעבען פאַרגייט.

א דריטער האָט עפּעס געפּלאַפּעלט,
ניט ערנסט, ניט טיף און ניט גרויס;
ביז וואַנען די נאַכט איז געקומען
און אַלע פאַרשאַרט אין איר שויס...

3

אַ פולע טעג איז דאָ ביי גאָט
פאַרוואָלקענטע און בלאַסע,
און פּונקט אַזוי פיל נעכט איז דאָ
פאַראומערטע און נאַסע.

דו בויגסט זיך אונטער זייער לאַסט,
ווי פון אַ חוב אַ שווערען;
פאַרטרינק, פאַרשפּיל זיי און פאַרשלאָף,
אַבי נאָר לויז צו ווערען.

4

עס טרינקען פילע שטאַרקען טיי
דעם דרעמעל צו פאַרטרייבען;
און אַנ'דרע נעמען אַפּיום איין
אום וואַכעדיג צו בלייבען.

מיט מיר וועט וואַך די גאַנצע נאַכט
די הייסע קנאה בלייבען;
— דער טויזענד־שפּיזענדיגער האָס
פון בעט דעם שלאָף פאַרטרייבען.

5

צום טיש, צום טיש !
ווער שפּילט מיט מיר ?
איך שטעל אין קאָן :
אַ לאַפּקע פון אַ שווארצען האָן,
אַ שטיקעל פאַרב־פּאַפּיר,
אַ חלום ניט פאַרענדיגט האַלב,
אַ ניט־דערקוילעט קאַלב,
אַ טיטעל וואָס איז האַלב פאַרמעקט,
אַ עהרע אָפּגעניצט, פאַרפלעקט,
אַ שערבעל פון אַ סדר־כוס,
אַ דאַרע בלאַט, אַ חורבה־גראָז.

* * *

ווער גייט צום טיש,
ווער שפּילט מיט מיר ?
אַן איינציג קאַרט : אַ מלכה־יונג,
אַן איינציג שפּיל : אַ זילבער־קלונג.
איר גייט ניט ? שאַ... איך שפּיל — מיט מיר
און נעם זיך אַלע מלכות פיר.

6

אליין פון זיך וואוהין אנטלויפט מען,
ווי רייסט מען אוים די איינ׳נע אויגען ;
עס זאָל דער צונג דעם ברודנעם נאַפּעל
פון דער אלטעגליכקייט ניט זויגען ?

איך וואָלט געוואָלט, — אז ווי אַ שטערען,
וואָס פאַלט אין טיפען ים אריין,

זאָל איך א בליץ טאָן און ניט ווערען
צוזאמען מיט מיין קורצען שיין.

7

ניט א ים מיט הויכע כוואַליעס
האַלט מיך צוגעשמידט צום ברעג.
ניט קיין פרעמדע הימלען ווארפען
אויף מיין שיפעל אָן א שרעק.

נאָר א שטייענדיגער וואסער
מיט א גרינעם אויבער־הויט.
פאר אזעלכע שימעל־טייכלאך
איז מיין שיפעל ניט געבויט...

זיץ איך אין מיין טשערעט־הייזעלי,
צייל די נעכט און צייל די טעג ;
צייל אין הימעל אויס די שטערען
און די זעמדעלאך ביים ברעג.

8

העי, קעלנער, קעלנער, וואָס האָסטו געטאָן ?!
איך קען דעם וויין ניט צוטראָגען צום גומען.
האָסט שלעכט געמישט. דער הויוועז שווימט ארום
און צו דעם עבטען וויין קען איך ניט קומען.

העי, קעלנער, קעלנער, קום אהער, באדין,
ווי דו א יעדען גוטען גאסט באדינסט.
א צווייטע גלאָז, א שוימענדע, א טיפע.
און איך וועל דיך באשענקען רייך ווי דו פארדינסט.

9

ווי קען איך א רוהיגער זיצען
ביים טיש צווישען וויין און געזאנגען, —
מיין כוס ביז'ן דעק איז דערטרונקען,
קיין צווייטען וויל ע ר ניט דערלאנגען.

איך וועל מיטן בעכער א זעץ טאָן
אַן טיש, — זאָל די הויז זיך צעקלינגען,
און אויפשפּרינגען זאָלען די זינגער
אין מיטען דעם פריילאכן זינגען.

און אפשר גאר גלייכגילטיג אויפשטעהן,
און אויפשטעלען רוהיג דעם קאָלנער,
און נאָכלעסיג לאָזען זיך קייקלען —
א טרינק־געלט א קליינס פאר'ן קעלנער?

און אפשר זיך שטיל אונטערגעבען,
ניט זוכען קיין קריג, קיין נצחון,
און אָפּטמאָל זיך לאָזען א קוש טאָן
פון מיינעם א שכור'ן שכן.

10

מענשען לאכען אויס די אויגען:
אין אזעלכע קאלטע צייטען
זאָל א הארץ נאר ווארים שלאָגען? —
כ'גיי צום טייך מיין הארץ אָפּקילען.

כ'וועל אין אייז א לאָך אויסהאקען,
אזוי גרויס פונקט ווי דאָס הארץ מיינס,

פון איינעמס לידער

און אין יענעם שווארצען אפּגרונד
וועל איך דריי מאָל ס'הארץ אפּ'טובל'ען:

איין מאָל — ס'זאָל פארגעסען ליבען;
איין מאָל — ס'זאָל פארגעסען האסען;
און דעם דריטען מאָל, דעם לעצטען,
וועל איך לאנג איר דאָרטען האלטען

אין דעם שווארצען, טויטען וואסער,
ביז א נייע, דינע הייטעל,
ווי א שפּיגעל הארט און גלאַנציג,
וועט די פרישע וואונד פארציען;

ביז דאָס הארץ וועט זיך איינשרומפּען,
ווערען קאַלט און קליין און גליטשיג —
דעמאָלט וועל איך איר באקומען
פון דעם אפּגרונד. אויף א פּאָדים

וועל איך איר ביים לאַץ אַנבינדען,
און וועל לויפען צו די מענשען
און וועל חבר'יש א זאָג טאָן:
„זעט, איך בין שוין ווי איר אַלע!“

1907

11

ניט געבונדענע פערזען

איר האָט ביכלאַך אין די בענק און קליין־געלט אין די טאַשען,
א ווייב און קינד אין הויז, באקאנטע אין די גאסען;
און איז די ווייב אייך קנאפּ, צי ווערט זי אייך דערעסען,
גייט איר פון הויז אוועק צו פרייליכע מעטרעסען.

פון איינעמס לידער

און הינטער פאַרהאַנגגען און אויף אַ ווייך געלעגער
פאַרגיסט איר אייער וויין, איר מזל'דיגע יעגער.
און פּרוּאווט אַ שאָטען ווען, אַ שוואַרצער, פאַרביישוועבען, —
באַגריסט אים אויך... ער מאַכט ראָמאַנטישער דאָס לעבען.

* * *

און איך... ווער האָט דאָס ליד אין האַרץ אַריינגעגעבען,
און האָט געזאָגט: מיט איר און פאַר איר זאָלסטו לעבען?
אַ קרבן — בלוט און מאַרך, וואָס גאָט האָט ניט באַוויליגט,
הלואי שיקט ער אַ בליץ און וואָלט אים גלייך פאַרטיליגט.

* * *

ווי אָפט האָב איך דעם הונט, די חיה, ניט פאַרגונען:
זי האָט אירביין, איר שטאַל, איר בעל הבית געפונען.
דער וואָרים אויפן וועג, דער עקדעש אין די היילען —
זיי פויזען אויפן בויך, — אַזוי האָט גאָט באַפוילען.

די ווייב לעבט פאַר איר מאַן, די מאַמע פאַר די קינדער,
אַ ניצליך אַרבייט טוט אויך דער נבלות־שינדער,
און ניט אומזיסט טוט אויך זיין וואָונד דער קריפּעל ווייזען:
עם וואַרט פאַר אים אַ הונט, אַ קאַץ — ער מוז זיי שפּייזען.

דאַך, וואָס האָב א י ך צו טאָן? צו וואָס בין איך געקומען?
ווער דאַרף מיין ציטעריג ליד, און ווער האָט איר פאַרנומען?
און גלייך ווי איך אַליין, אויך זי איז ניט געבעטען,
און פול מיט שרעק איז זי — מען זאָל איר ניט פאַרטרעטען.

* * *

מיין ליד. ווער דאַרף מיין ליד, מיין וויין פון האַרצען האָבען?
אַ ברוין געבראָט'נער סטייק וועט אייך פיל בעסער לאָבען;
אַ סקונער ביר וועט אייך פיל זיכערער פאַרוויגען,
און טאַנצען וועט איר גיין צו אַ שאַרמאַנקעס ניגון.

פון איינעמס לידער

* * *

איך ווייס ניט, וועלכער גאָט, צי שד, האָט מיך פאַרשאָלטען:
פון קינדווייז אָן האָט מיר נאָך קיינמאָל ניט געגאָלטען,
אויף וואָס איך האָב געוואַרט, איז קיינמאָל ניט געקומען.
און וואָס איך האָב פאַרמאָגט, דאָס איז אַוועקגעשוואומען.

* * *

צען זונען איבער מיר; אין האַרצען צען באַגערען;
ווי האָב איך דען געוואוסט, צו וועלכער זון זיך קערען?
פון זונען־ליכט געבלענדט בין איך אַרומגעגאַנגען
ביז אַלע זונען זיינען מיר איינס נאָך איינס פאַרגאַנגען.

אומזיסט האָב איך געוואַרט. אַט הויבט אָן פינסטער ווערען,
אַ גאַנצע וועלט — אַ מענש, וועט באַלד פאַרלאָשען ווערען;
און וואָס איז מיר פון טאָג, פון ליכטיגען געבליבען —
מיין בלאַט ווערט אומגעקערט, — אַ ווייסער, ניט פאַרשריבען.

* * *

איך ווייס ניט ווער איך בין, און ווען איך בין געבאָרען;
אַט בין איך אַלט אַ טאָג, און אַט גאָר טויזענד יאָרען.
עס טראָגט מיין שוך אויף זיך דעם שטויב פון טויזענד וועגען;
איך ווייס ניט וואו מיין גוף איז לעצטע נאַכט געלעגען.

* * *

אין לאַנד פון פרס איז געווען אַמאָל אַ קעניג;
צוועלף לענדער זיינען אים געוועזען אונטערטעניג;
אין יעדען לאַנד פלעגט ער צו איינציג חודש זאַמען
מיט זיינע קעבס־ווייבער און ראַט־געבער צוזאַמען.

אַ נידעריגע שטוב. צוועלף טישען ביי די זייטען;
מיט פרויען אָנגעטאָן אין שוואַרצען אין דער־ווייטען.

פון איינעמס לידער

אין לאנד פון פרס איז געווען אמאל א קעניג, —
צוועלף ווייסטע שעה'ן זיינען געווען אים אונטערטעניג.

* * *

עס קאכט, עס רוישט די גאס. די שטארקע כוואליעס שלאגען:
באלד וועט דער ים מיין הויז אין ברעוועניעס־ווייז צעטראגען.
עס טייטען טויזענט הענט און טויזענט העלזער שאלען,
און מיינע מויער־ווענט ווי קארטען־ווענט צעפאלען.

וואס ווילען זיי פון מיר? זיי ווילען מיך פארשטיינען?
און אפשר מיך מיט גוואלד פאר זייער קעניג קרוינען?
און אפשר ווילען זיי — דעם וועקסעל פון דעם זיידען
באצאלען זאל דאס קינד מיט ניט פארדינטע ליידען?

און אפשר רוישט דער ים, ווייל אויף זיין קארק די ווינדען
צעהוליעט האבען זיך, און מיט די וואסער־אינדען
אוועק א טאנץ; און זיי קומט קיינעם ניט אין זינען,
אז ס'שטייט ביים ברעג א הויז, — עס זיצט א מענש דערינען —

מיט טרייסלענדיגע קני און ווייט־צעשפרייטע אויגען
און ווארט, און קוקט ארויס צום ים ארויסגעבויגען,
און וויל אין דעם געזאנג פון ים און ווינד פארנעמען
א שוואכען רוף, צי ווערט ער ניט געזוכט פון וועמען?...

12

ס'איז גוט אין רעסטאראן צו זיצען
א שבת־נאכט וואו ביי א וואנט,
א פרעמדער ביי א לעצטען טישעל,
די ניט־דערטרונקען גלאז אין האנט.

פון איינעמס לידער

עס קלינגען גלעזער, גאָפּעל, מעסער,
עס קלינגט די טיר, דער רעדזשיסטער ;
דער קעלנער, אָנגעטאָן אין ווייסן,
מיט שפּרונגען־טריט איילט הין און הער.

און מענשען גייען, מענשען קומען,
די גאַס־טיר קלינגעלט נאָכאַנאַנד ;
און טישלאַך ווערען פול און ליידיג —
אַט קלייבט פון טיש צענויף אַ האַנט.

אַ מיידעל שטעלט זיך אויף צום שפּיגעל,
פאַרריכט דעם וויל אויף איר געזיכט.
און אַלץ פאַסירט ווי אין אַ חלום,
פאַרשלייערט, פרעמד און אומגעריכט.

די טיר שפּרינגט אויף. עס קומט צופלייצען
אַ כוואַליע ווינטען פון דער גאַס :
אַ איד ברייננגט צייטונגען אַ פּעקעל,
די ווערטער ערשט פון דרוק, נאָך נאַס.

עס פלאַטערען די נייע בויגענס.
אַ פּעגט פאַלט קלינגענדיג אויף דר'ערד.
און ביי אַ דריטען טישעל — איינער
רעדט עפּעס אויפגערעגט, און שווערט.

אַ בחור קומט־צו צו מיין טישעל
און זעצט זיך ברייטלאַך ביי מיין זייט ;
דערציילט : עס וועט אַרויס אַ צייטונג...
מיין קאָפּ איז טויזענד מיילען ווייט —

פ ו ן א י י נ ע מ ס ל י ד ע ר

איך זע א מיל: א פולע גוים;
צוויי שטיינער מאָלען מעל אויף ברויט;
א שורה אויפגעלייזטע זעקלאך;
ס׳האַלט יעדער גוי זיין זאק געגרייט.

דער טאַטע גייט פאַראויס; דער מילנער
גייט הינטען מיט א מעסטעל נאָד
און נעמט פון יעדען זעקעל „מעסטעל" —
א גוטער אָנהויב אויף דער וואָך...

און פלוצלינג כאַפּ איך זיך דערשראָקען,
אז היינט איז דאָך א „ביזי" נאַכט...
איך בעט א קאַפּע. — מיר אַנטקעגען
האָט הויך א מיידעל זיך צעלאַכט.

אומשולדיגע לידער

1

ווי ריטער האָט איר זיך אויף שטאָלצע פערד געטראָגען,
ווען איך האָב זיך צופוס אין שטויב ארומגעשלעפּט.
און אייער פּרעכער בליק און אייער קרומער שמייכעל
פאַראַכטליך האָט געפּרעגט: אויך יענער אונטען לעבט?

פאַר אייך געזאָדען האָט דער רויטער וויין אין בעכער,
און קעלנערס האָבען זיך „וואָס ווינשען זיי?" געבוקט —
ווען איך בין אין א זייטיג ווינקעל וואו געשטאַנען,
און קיינער האָט פון אייך אויף מיר זיך אומגעקוקט.

דאָך, ס׳וועט א מאָלצייט זיין, א גרויסער און א שטילער,
וועט דויערען א גאַנצע אייביגקייט מיט נעכט;

און פלאַץ ביים גרויסען טיש, אויף שוואַרצע ערד־דיוואַנען.
פאַרנעמען וועלען גלייך דער שררה און דער קנעכט.

2

פאַר אייך די פופציג עהרען־לויפער,
דער פול־פאַרדינטער, הויכער לויב;
פאַר אייך די בלומען־בונטע וועגען,
פאַר מיר — דער זאַמדיג וועג, דער שטויב.

פאַר אייך די גרויסיגע חדרים,
מיט לעהן־שטולען און טישען גרייט;
פאַר מיר — אַ לעבען, לייטס־געלעכטער,
פאַר מיר — אַ הינטער־פאַרקאַן־טויט.

פאַר אייך אַ לאַנגער שנור פון יאָרען,
אין וואוילטאָג און צופרידענקייט;
פאַר מיר — מיט בלוט באַשפּריצטע לידער,
פאַר מיר — וועה וויים... די אייביגקייט.

3

איך רייט אויף הויכע קליאַטשעס —
נו, רייט געזונטערהייט;
צו וואָס זאָל איך מיך לאָזען
באַשפּריצען פון דעם קויט?

איך וויים אַ וועג, אַ צווייטען,
מיט דערנער אויסגעשפּרייט:
די דערנער שטעכען בלוטיג,
דאָך — בלוט, און ניט קיין קויט.

4

ס׳איז פאַלש. איך האָב, ווי זיי, געוועט,
און האָב פאַרלאָרען :
דעם ווייסען פערד, די שפּיצ׳גע רוט,
די שאַרפע שפּאָרען.

פון דעמאָלט־אָן גיי איך צופוס,
ווען אַנדערע יאָגען
אויף הויכע פערד. עס זאָל מיך ניט
א פערד דערשלאָגען —

מייד איך דעם שליאַך, דעם טומלער, אויס.
און מיט א שטומען
און אַפגעלייגטען וועג גיי איך —
וועל אַלץ איינס קומען...

5

גוטע פריינד האָב איך פיל.
גוטע פריינד, גוט און פרום,
היטען אָפּ פון א טראַט,
וואָס איז פאַלש, וואָס איז קרום.

זיינען גוט, אָן א גאַל.
פאַר א פריינד שטענדיג גרייט
אי מיט ראַט, אי מיט טאַט
אין א צייט פון א נויט :

דער גערויבט האָט מיין ווייב
און א צווייטער — מיין קינד,

און אַ דריטער — מיין גוטס
האָט געלאָזט אויפן ווינט.

גוטע פריינד דאָ און דאָרט;
גוטע פריינד אומעטום.
אַ, פאַרטיליג זיי, גאָט,
דאָ און דאָרט, אומעטום!

6

די לאַנגע גאַס האָט טויזענד טירען,
עס שרייט אויף מיר אַ יעדער טיר,
און צען מאָל מער די גאַס האָט פענסטער
און יעדער פענסטער שפּאָט פון מיר.

איך ווייס ניט פיל און ווער זיי זיינען,
וואָס שטעקען הינטער וואַנט און טיר?
אַ בלינדע, אומגערעכטע שונאים,
וואָס שיקט איר קריגס שלוחים מיר?

איך האָב זיך פעכטען ניט געלערנט,
איך וויל נאָר דורכגיין אומגעשטערט
דעם וועג, וואָס איז מיר אָנגעוויזען
און אָפּרוען — ווען ס'איז באַשערט.

7

(פון אַן אַנדער שפּראַך)

שווארץ — מיין געהייליגטער קאָליר,
ביטערניש אין מיין געטראַנק,
נאָענטע, לייבליכע ברידער —
אַלץ וואָס דערשלאָגען און קראַנק.

בעטלער אויף הילצערנע קוליעס,
קרעציגע אויסער דער שטאָט,
שיכור'ע אין די קאַנאַוועס —
שפּילצייג פאַר קינדערשען שפּאַט —

גיט די צעוואונדעטע הענט מיר,
— קינדער פון זעלביגען גאָט, —
גיט די צעוואונדעטע הענט מיר;
שעמען זיך — זאָל זיך די שטאָט.

8

שטרויכלענדיג אָן הארטע שטיינער
האָב איך זיי פרייד און רו געגעבען,
דאָך אָן מיר דערמאָנט זיך קיינער,
נאָט זאָל זיי די רו פאַרגעבען.

9

אַ שכחה אין פעלד

מיינע אַלע קאַמעראַדען
זיינען ווייט אַוועק;
האָבען זיך געוואוסט צו מאַכען
ניצליך, מיט אַ צוועק.

טייל אויף שבת'דיגע חלה,
טייל אויף שפּייז פאַר פי,
און דער גרעסטער טייל אויף בעט־צייג
פאַר דעם פריצ'ס קי.

נאָר מיך איינעם יאָגט דער שטורם,
ווארפט פון בייט צו בייט:

און דער וואָכען־לאַנגער רעגען
נעצט מיך שטילערהייט.

וועל איך ליידען, וועל איך שווייגען, —
העלפט דען דער געשריי ?
ווער ען אַרט עס, וועמען רירט עס,
אַז עס דאַרבט אַ שטרוי ?

10

איך וויל, אַז פאַלען זאָל מיין ליד
ווי האָגעל אויף די פעלדער ;
זיך אויסגיסען אויף אַלט און יונג,
און ניט אויף פוסטע וועלדער.

איך וויל, מיין ליד זאָל יעדען גליק
אין יעדען האַרץ פאַרדאַרבען ;
אַז יעדע פרייד און יעדע לוסט
זאָל יונגערהייט דאָרט שטאַרבען.

ווי לעצטע פרעסט אויף פריען ווייץ,
ווי אַסיען־נעץ אויף בלומען,
ווי רעגען אויף געשניטען היי, —
מיין ליד אויף זיי זאָל קומען.

11

איך וועל זיך מיט האַס פאַרבויען,
הויכע ווענט און פעסטע טירען.
שמייכלעריי און ליבליכקייטען
זאָלען זיי פון אַרט ניט רירען.

און אַ שילד מיט שוואַרצע ווערטער
וועל איך אויפהענגען אַ גרויסען:
ווער עס וויל מתנות ברייננען
דער זאָל בלייבען דרויסען.

12

פון מיין קוואַל די לאַנגלען דיינע
פילען וויל איך ניט.
מיט מיין גוטס די קעמלען דיינע
לאָדען וויל איך ניט.

וועסט זיך פאָרן מארק בארימען —
דו האָסט דאָס געבראַכט.
מלכי צדק וועט נאָך זאָגען:
איך האָב אברם רייך געמאַכט.

וואָס איז מיר דיין האָניג־צינגעל?
וואָס מיר דיין דמשק געלד?
אין מיין פּאַלמעס שאָטען בין איך
רייכער פון דער גאַנצער וועלט.

פון איינעמס לידער

1

איך בין געזעסען פאַר מיין שוועל.
דער טאָג איז אויסגעגאַנגען.
מיטן ברייטען, קעניגליכען וועג
אַ מאָדנער צוג איז דורכגעגאַנגען.

פון איינעמס לידער

פיר יונגע פאַזשען, בלוט און מילך,
אין אַ שטול מיט גאָלד באַשלאָגען,
מיט גראָז און בלומען אויסגעבעט,
די „ליבע“ האָבען דורכגעטראָגען.

איך האָב זיך נידעריג פאַרבויגט
און זי אין שטוב פאַרבעטען.
זי האָט געזאָגט : עס טוט מיר לייד . . . —
און ניט געוואָלט מיין שוועל באַטרעטען.

צו זעקס שניי־ווייסע פערד געשפּאַנט
האָט זיך אַ קאַטש געטראָגען ;
אויף הויכע קישענס, גאָלד געוועבט,
געזעסען איז די „רום“ אין וואָגען.

איך האָב צעשפּרייט די הענט, — געוואַגט
צו אויפהויבען די אויגען ;
זי האָט פאַרזען מיך — פון דער הויך...
איז איבער מיר אַדורכגעפלויגען.

מיט אַ שטאָק, וואָס לעבערט דורך די האַנט,
מיט גלאָזיג־שטאַרע אויגען,
די דאַרע אָקסלען פון אַ פּאַק
מיט ניט־געטאָנענע זינד געבויגען,

דערנענטערט האָט זיך צו מיין טיר
דער „שלאַק“ — איך האָב געשוויגען...
ער האָט זיך אַז זיין איינענעם שטאָק
פאַרפּלאָנטערט — און געבליבען ליגען...

פון אײנעמס לידער

2

און קײנער גײט.
מײן הױז איז אױפגעראַמט און װײס,
די דילען זײנען רײן,
די שטולען שטײען אױף אַן אָרט,
און איך — איך בין אַלײן.

און קײנער קלאַפּט.
װאָלט דורכגעלאָפען כאָטש אַ מױז
און װאָלט די רוה צעשטערט:
װאָלט כאָטש אין װאַנט אַ גריל געדערט, —
איך װאָלט זיך צוגעהערט.

און קײנער קומט.
איך האָב מײן שטוב־טיר ניט פאַררוקט.
עס פאַלט מיר פלוצלינג אײן:
עס קען אַ גנב צוקומען,
אַ פּרואװ טאָן — און אַרײן.

און קײנער רירט.
ער װאָלט די ביכער פון דעם טיש,
די קלײדער פון דער װאַנט
צונױפגעראַמט. כ'װאָלט זיך געטרײסט:
דאָ האָט געטאַפּט אַ האַנט.

און קײנער װאַכט.
אומזיסט מיט שרעקעדיגע טריט
קום איך נאָך האַלבע נאַכט.
קײן שאָרך, — און אַלץ איז אױפן אָרט.
כאָטש קײנער האָט געװאַכט...

— — — — — — — — — — —

3

זיץ איך מיר אלייןביים פענסטער,
און איך ווייס ניט וואס איך טראכט.
עמיצער — דער האר פון גארנישט —
האט נעהייסען האלטען וואכט.

זיץ איך מיר אליין ביים פענסטער,
באלד אריבער איז די נאכט.
הינטער מיר — דער האר פון גארנישט
שטייט די גאנצע נאכט און לאכט.

4

די לאמפען זיינען אויסגעלאשען
און אויף די בענק איז לער און שטום.
באלד נאכן ערשטען אקט פארלאזען
האט אונז דאס ווערטע פובליקום.

אין קארידאר נאר ברענט א ליכטעל,
אן איינציג ליכטעל אין דער נאכט;
פאר אים נעם איך די קאסע ציילען,
וואס האט די שטיק מיר איינגעבראכט?...

דאך צווישען ברודנע קופער־גראשענס
בליצט ניט קיין איינציג גאלדשטיק אויף.
אין צווייען בין איך דורכגעפאלען —
איך האב זיך ניט געריכט דערויף.

א פארוק נאר איז מיר פארבליבען
פון גאר דער בינעס שמוק און פראכט.

איך װעל אים אין אַ שענק פאַרזעצען
און איבערזיצען דאָרט די נאַכט.

5

דאָס פעלד, װאָס איך האָב אנהויב יאָר
פאַרזײט מיט פרײלאַכע געזאַנגען,
האָט איצט סוף־זומער אויפגעשפּראָצט
מיט דערנער גיפטיגע װי שלאַנגען.

און גאָט האָט איר, מײן פעלד, געבענטשט —
מיט יעדען טאָג אַ שניט אַ נײער.
די פּועלים ליגען מיד ביז טויט
ביים אָנגעפּאַקטען שײער.

און איך אַלײן, דער בעל־הבית,
בין פון דער שפע גאָר דערשלאָגען;
איך בין דאָך נאָר אַ מענש — װער קען
אַזאַ גערעטעניש דערטראָגען...

6

איך װײס, דאָס איז דער לעצטער צאַפּעל
פון פײער, אײדער ס'װערט פאַרלאָשען.
איצט װעט די נאַכט זײן לאַנג און פינסטער,
און אַלע טירען צוגעשלאָסען.

און דורך די לערע קאָרידאָרען
װעט די פאַרגאַנגענהײט שפּאַצירען;
אומזיסט בײ יעדען שװעל זיך שטעלען,
אומזיסט אָן די פאַרהאַקטע טירען

ביז בלוט די פינגער זיך צערייסען, —
זי וועט קיין ענטפער ניט געפינען.
ערשט ווען די נאכט וועט נעמען אויסגיין
וועט זי אליין פון זיך צערינען...

7

ער האט מיין נאקען אנגעבויגען
דער גאט פון אויבען, —
איך זאל די מוטוויליגע בליקען
צו הויך ניט הויבען.

מיט סלוגקייטס־שטריק, ווי הארטע רינגען,
די הענט געשלאסען,
און אויף מיין קאפ פון פולען שפאט־קרוג
האט ער געגאסען.

8

שוין יארען לאנגע, אז איך טראג זיך
צום אומגליקס רייט־וואגען געשמידט
דורך שטעדט און דערפער, מערק און גאסען
און אפשמידען קען קיינער ניט.

דער אומגליק זיצט הויך אויף די קאזלעס,
די פערד, זיי יאגען ווי דער ווינט.
חלומות־קינדער אויף די וועגען —
דער וואגען פארט זיי איבער בלינד.

9

דער גאָט צו וועלכען איך טו דינען
קריכט גלייך ווי איך אָרום אין שטויב:
ער נערט זיך מיט דעם רויך פון ווייראך
און זעטיגט זיך מיט גאַסען לויב.

זיין רייטוואָגען האָט פּלומפּע רעדער,
מיט קויט איז איינגעשפּריצט זיין פערד;
און אויף זיין וואָגשאָלם פלאַכע טעלער
ציט רק די נוצליכקייט צו דר'ערד.

10

שבת, יום טוב און ראש־חודש —
מיינע יום־טוב'דיגע קליידער
היינגען ניט גענוצט, געטראָגען,
אויף דער הינטער־וואַנט אין חדר.

מיינע וואָכעדיגע זאַכען
גלוסט זיך מיר ניט איבערבייטען:
שבת, יום־טוב און ראש־חודש
קום איך קיינמאָל צווישען לייטען.

ביי דעם קאָפּע־טיש פאַרזיץ איך
מיט די קעלנער, מיט די קונדען,
שבת, יום־טוב און ראש־חודש,
ווי די וואָכעדיגע שטונדען.

פון איינעמס לידער

11

מיין אָסיען זון איז אויפגעגאַנגען
אום האַלבע נאַכט, אום מיטען נאַכט.
ביי מאַלצייט טישען זיצען אַלע
מיט טיר און לאַדען צוגעמאַכט.

פון הויכען באַלקען לייכטען לאַמפּען
און אויף די טישען ברענען ליכט;
שלאָף און אבאַזשורען־שאָטענס
ליגט אויף יעדערענס געזיכט.

ווער וועט איצט מיין זון באַגעג׳נען?
אויף וועמענס שטערען וועלען פאַלען
און וועמענס אויגען וועלען בענשען
אירע אָסיענדיגע שטראַלען?

12

וואָס טו איך, גאָט, מיט מיינע יאָרען?
זיי האָבען זיך אין וועג צעשטעלט
און לאָזען מיר ניט גיין, ניט פאָרען
אין דער באַשיינטער, ווייסער וועלט.

זיי האָבען זיך צעשפּרייט, צעשלאָגען,
ווי בוימער־קאָרטשעס אויף דער ערד,
און לאָזען ניט אַדורך דעם וואָגען,
און שרעקען שווייגענדיג דעם פערד.

די וועלט איז ווייס. אין הימעל אויבען
איז אויסגעשנייט דער שטערען־שטעג;

נאָר פון דער ערד זיך בוימער הויבען
ווי יאָרען־קאָרטשעס אויף מיין וועג.

13

(פון א פרעמדער שפראך)

די תפיסה מויער
האָב איך צעשטערט ;
אוועקגעהן אָבער
איז מיר פארווערט.

א כשוף שטעקען,
אויפן ווייסען זאמד,
האט אויסגעקרייזט
א נייע וואנד.

און פאר דעם צייכען,
וואָס אויף דעם שטויב , —
אָפּהענגדיג בין איך,
ווי הפקר רויב.

14

נאריש· כאָטש צום פעסט געלאָדען,
נאָר עס טראָגט דיך צו פרי אָן :
טישען שטייען ניט געגרייטע,
מאָן און ווייב ניט אָנגעטאָן.

נאָרישער, ווען דו פאַרזאָמסט זיך, —
קומסט צו גאסט — עס איז צו שפּעט :
דינסטען ראַמען אָפּ די טישען,
מאָן און ווייב אוועק צו בעט.

פון איינעמס לידער

אין דעם בוך פון אלע תפלות
איז א קליינע תפלה דא:
גאט, לענק מיינע טריט, אז קומען
זאל איך אין דער רעכטער שעה.

15

חלום, גיבסט אמאל א שיין,
האפנונג, גיבסט אמאל א בליץ;
און איך אלטער, אלטער נאר,
איך פארשטיי קיין וויץ.

גלויב איך אלץ וואס חלומ'ט זיך,
און איך גיי ארום,
ווי א חלום, אויף דער גאס,
וואקעלדיג און שטום.

16

וואס איך האב לאנגע נעכט געדופען
און מידע טעג ארומגעזוכט —
היינגט איבער מיר. עס בויגט דעם צווייגעל
די צייטיגע, די גאלד'נע פרוכט.

זי וויגט זיך שווער. א קליינער ווינטעל
וועט וואַרפען זי צו מיינע פיס.
דאך היינגען מיינע הענט פארגליווערט, —
וואס פאלט אליין, דאס איז ניט זיס.

און ווייטער מיינע בליקען זוכען
דורך מידע, זונענדיגע טעג.

וואָס איך וועל אין די נעכט טאָן רופען —
ניט שיק מיר צו, גאָט, אויף מיין וועג.

17

איך גיי שוין לאַנג אַרום אין לאַנד;
דער וועג איז מיר שוין צו באַקאַנט;
איך ווייס וואו ער איז ברייט, וואו שמאָל;
נאָך יעדען באַרג קומט באַלד א טאָל.

איך האָב א שפּרוך־וואָרט פאַר די הינט,
און אָפּנאַרען קען איך דעם ווינט;
און ווייס וואו ס'איז א נאַכט־פּלאַץ דאָ,
ווען ס'קומט די קאַלטע שטערן־שעה.

דער נאַכט־הונט בילט צווערשט אויף מיר —
דאָך נאָכדעם עפענט זיך די טיר.
עס וואַרט אויף מיר די זיסע רו,
און אָפטמאָל בעסערס נאָך דערצו.

און מאָרגענז — ווידער אויף די פיס.
ווי נישטיג, אַ מיין גאָט, דאָס איז,
צו מעסטען טאָג ביי טאָג דאָס לאַנד
און זיין מיט יעדען טריט באַקאַנט.

18

איך בין אַ וועבער...
וואָס איך קריג נאָר אין דער האַנד, —
דאָס פאַרנעם איך און איך וועב.

פריער האָב איך בלויע אויגען,
לאַנגע צעפּ און קלאָרע שמייכלען
ביי די פענסטער אויפגעזאַמעלט —
און געוועבט.

שפּעטער האָב איך האַס און פרעמדשאַפט,
שמייכלען גיפטיגע און דינע
ביי די טישלאַך אויפגעקליבען —
און געוועבט.

ווייסקייט, פּוסטקייט קלייב איך איצטער;
וואָכען, יאָרען, אייביגקייטען
אויף די ווייסע ווינטער וועגען —
און איך וועב.

19

ניט זאָרג, מיין מוטער, שרעק זיך נישט.
עס לעבט, עס לעבט דיין לעצטע קינד;
כאָטש אָפּט איז אים אי הארט, אי קאַלט
געוועזן אין שניי, אין פראָסט און ווינט.

ניט זאָרג אומזיסט, עס לעבט דיין זון,
כאָטש אָפּט האָט ער אין וועג געאירט;
אים האָבען שטומע אויסגעלאַכט
און בלינדע האָבען אים פאַרפירט.

ניט זאָרג, מיין מוטער, שרעק זיך נישט,
און זאָל דיין שלאָף דיר רוהיג זיין.
ניט זאָרג אומזיסט, עס לעבט דיין קינד,
כאָטש איב'ריג איז דאָס לעבען זיין.

20

א שומר איבער פרעמדע אוצרות׳
פון פרעמדען גליק אומזיסטער היטער —
אליין איז ער אי הויל, אי נאקעט
אין קעלט, אין רעגען און געוויטער.

שלאפט רוהיג, שלאפט : ביי אייער וועכטער
פון האנט דער האמער וועט ניט פאלען.
שלאפט רוהיג אין דעם וועכטערס פליגעל
און דער לבנה׳ס ווייכע שטראלען.

ווען נאך א פעטען׳ זאטען מאלצייט
לויפט שלאף און רו פון אייערע בעטען, —
דאן רופט צו אים, דעם וואכעדיגען,
ער זאל פאר אייך די שקלאפען רעטען.

ער זאל צו אייער בעט זיי שמידען
מיט זיסע לידלאך און געזאנגען.
און ער, פון פרעמדען גליק דער היטער, —
ער וועט אייך טאן אויך דעם פארלאנגען.

21

אויף א הויכען שטול

א קינד בין איך ווידער געווארען
און זיץ אויף א קינדערשען שטול ;
מיט גלעזערנע לעמפלאך און ליאלקעס
מיין קינדערשער חדר איז פול —

פ ו ן א י י נ ע מ ס ל י ד ע ר

מיט מיידעלאך קליינע און שיינע,
וואס קוקען ווי ליאלקעלאך אויס;
זיי סוד'ען זיך, לאכען און ריידען
זיך אפטמאל א נארישקייט אויס.

איך שפיל זיך מיט לעמפעלאך קליינע,
מיט גלעזעלאך רויט, געל און גרין;
אט צינד איך זיי אן, אט פארלעש איך,
איך שפיל זיך אן ציל און אן זין.

א, לעמפעלאך ליכטיגע, ריינע,
איר בריינגט מיר מיין קינדהייט צוריק, —
דעם לאמפ מיט דעם מילך־ווייסען טעלער,
מיין מאמעס מילד־הארציגען בליק.

מיין מאמע, זי האט מיך געלערענט
אי לאכען, אי ריידען, אי גיין,
און פלעגט אין פארנאכטען דערציילען
מיר מעשיות אי סטראשנע, אי שיין.

זי פלעגט מיר דערציילען פון שדים,
וואס וואוינען אין זומפ ביי דעם בריק,
פון זייערע מעשי־תעתועים
פון זייערע קונציגע שטיק.

ווי איינמאל אי: זעליג דער קרעטשמער
געפארען ביים רוי שפעט ביינאכט,
א שעפס האט ער דארט געזען ליגען,
וואס האט ווי א ווייבעל געלאכט.

פון איינעמס לידער

די שדים, זיי צינדען אָן אָפּטמאָל
א פייערל, וואו אין דער וועלט, —
פון מארק פֿאָרט א שיכור'ער פויער,
ער נעמט זיך פון וועג אויף א זייט.

ער שלעפט זיך די גאנצענע נאכט אָפּ,
דער פייערל לויפט אלץ פֿאָראויס:
ווען ס'הויבט אָן צו טאָגן, דערזעט ער —
ער פֿאָרט ערשט פון שטעטל ארויס.

זי האָט מיך פיל זאכען געלערענט,
וואס האָט מיר גענוצט ערשט דערנאָך:
צום ביישפיל: די ציפער פון זייגער,
די נעמען פון טעג אין דער וואָך.

זי האָט מיך די ציפער געלערנט,
דעם חשבון איצט מאַך איך אליין:
אום זעקס שפּרינג איך אויף פון מיין בעטל
און אייל זיך אין שאפּ אריין גיין.

מיין ארבעטס־טאג דויערט צוועלף שטונדען,
פאַר מיטאָג — פונקט דרייסיג מינוט;
און ווידער דעם רוקען געבויגען,
געיאָגט ווי פון אונטער דעם קנוט.

מיין מאַמע, זי האָט מיך געלערענט
צו ציילען די טעג פון דער וואָך:
פון זונטאג ביז זונטאג איז זיבען, —
איך בין אלע זיבען אין יאָך.

און נאָך זאָכען האָט מיך מיין מאַמע
דערציילט וואָס קלינגט איצט אַזוי שיין.
דערמאָן איך איר איצטער — מיר דוכט זיך :
בין ווידער אי יונג נאָך, אי קליין.

א קינד בין איך ווידער געוואָרען
און זיץ אויף א קינדערשען שטול ;
מיט גלעזערנע לעמפּלאַך און ליאַלקעס
מיין קינדערישער חדר איז פול —

מיט מיידעלאַך קליינע און שיינע,
וואָס קוקען ווי ליאַלקעלאַך אויס ;
זיי לאַכען און שפּאַסען און ריידען
זיך אָפּטמאָל א נארישקייט אויס.

געמישטע לידער

1

גליקליך-לעבען

צוואַנציג יאָר ארומגעוואַנדערט
און געזוכט אַלץ גליקליך-לעבען.
צוואַנציג שטיוועל-פּאָר צעריסען
און דעם וועג ניט אויפגעגעבען.

אָפּט האָב איך אויף טיפע ריצען
אין דעם זאַמד זיך אָנגעשלאָגען :
דאָ האָט גליקלאַך-לעבען נעכטען,
אין זיין קאַטש זיך דורכגעטראָגען.

פון איינעמס לידער

אויף א פעלד־פייער ניט איינמאָל,
א פארלאָזטען אָנגעטראָפען :
דאָ האָט גליקליך־לעבען נאכט־מאָל
זאָט געגעסען, זיס געשלאָפען.

יעדע שטאָדט באזוכט און שטעדטעלי
אָנגעקלאָפט אין אלע טירען :
איז ביי איין דאָ גליקליך־לעבען,
קענט איר מיך צו אים ניט פירען ?

אלע קענען גליקליך־לעבען !...
וואו איך בין נאָר אָנגעקומען
און געפרעגט אויף אים, — דעמזעלבען
ענטפער אומעטום באקומען :

„איז געוועזן. ווי דען, געהוליעט.
איז אָט ערשט אוועק פון דאנען,
וועסט אים אפשר נאָך דעריאָגען,
היים דיר פערד און וואָגען שפאנען".

צוואנציג יאָר אלץ נאָכגעיאָגט אים
און דעם וועג ניט אויפגעגעבען ;
אויף דעם צוואנציגסטען און איינעם
האָב דעריאָגט איך גליקליך־לעבען.

ביי אָן אויסגעגאַנגען פייער,
וואו עס שיידען זיך די וועגען,
ווי דער שווארצער שייטער־הויפען,
איז ער טויט און קאלט געלעגען.

2

ביכער, ביכער אָן אָן אויפהער,
אָן א סוף, פאַרשטעלט די ווענט.
העפטען, בלעטלאַך אויף די שטולען,
שטויב פון ביכער אויף די הענט.

שוואַרצע שורות, שוואַרצע פויגלאַך
דאָ און דאָרט און אומעטום.
זאָגט מיר פויגעלאַך: — „גוט אווענט" —
זיינען אַלע פויגלאַך שטום.

אומעטיג מיט פרעמדע מענשען
אויסצוקומען אויף דער וועלט;
שווערער איז א נאַכט מיט ביכער
איבערזיין אין איין געצעלט.

3

צום ערשטען מאָל א ליגען
וועל איך היינט פרוואווען זאָגען.
עס שלעפען אַלטע קליאַטשעס
דעם אמת'ס שווערען וואָגען.

אים יאָגען רייטער, פורען
און פוס-גייער אריבער;
די איבערפאָרער קוקען
זיך פיל-באַדייטענד איבער.

דעם שקר'ס קאַטש געשפאַנט איז
צו פערדלאַך — פייל פון בויגען.

פאַר דעם, וואָס זיצט אין קאַרעט
טוט יעדער זיך פאַרבויגען.

4

האָט דעם אַלטען וואַלד אַ שטורעם
אין סוף זומער דורכגעקרייצט
און מיט צווייגלאַך, גאָלדנע בלעטער
וועג און סטעזשקעס איבערפלייצט,
איך זאָל קענען פון זיי פלעכטען
צום סוף זומער מיין געצעלט ?
מוז אַ שטורעם פאַר מיר גרייטען
צום סוף זומער מיין געצעלט ?

זיינען פרעמדע אַנגעלאָפען
אויף אַן אָפּגעשניטען פעלד
און די קיילעכדיגע קערנער
אויסגעשאָטען אויפן פעלד, —
איך זאָל קענען לקט קלייבען
וויפיל נאָר מיין הארץ געלוסט ?
האָבען קערנער, מיך צו זעטען,
פאַלען צו דער ערד געמוזט ?

5

כ'האָב דערזען היינט פרי ביים שפיגעל,
אַז אַ האָר איז וויים געוואָרען.
צי פון זאָרגען, צי פון יאָרען —
צוויי מאָל ווערט מען ניט געבאָרען.

האָט קיין וואָרנונג ניט געגעבן . . .
ווי האָב איך געקענט פאַרקלערן,
ווי האָב איך געזאָלט דערקענען,
אַז זי גייט זיך איבערקערן.

און פאַר וועמען זאָל איך טענה'ן,
ווער וועט מיין געשריי פאַרנעמען?
ליידיג איז דעם שופט'ס קאַמער,
קלאָגען זיך ניטאָ פאַר וועמען.

6

אָן פרעמדע פורען אָנגעכאַפּט זיך,
אָפּגעריסען זיך, צעשלאָגען.
האָבען מיך די פרעמדע פורען
אויף אַ זייטיג וועג פאַרטראָגען.

און דעם היימיש וועג דערווייל
האָט דער ווינט מיט שניי פאַרשאָטען,
בין איך אים געגאַנגען זוכען,
איז מיר אָבער ניט געראָטען.

אין דער היים, ווער וייס, דער עסען
שטייט געווים אָן אָפּגעקילטער,
און דער הונט ביים טויער וואָיעט,
עמיץ רופט ער, עמיץ שילט ער...

7

קומט אַ שנייעלע פון הימעל,
וואַקלענדיג זיך אויף זיין וועג.

האָט ער בראַנפֿען וואָס געטרונקען,
אָדער ווישניאַק אויפֿן וועג?

אָדער ווילט זיך אים נישט ליגען
ווינטער אויף דער מיטן גאַס,
און ער כאַפּט זיך פֿאַר די פּאָלעס
פֿון אַ ווינטעל אויף דער גאַס?

ס'וועט דיר, שנייעלע, נישט העלפֿן,
פֿאַלן וועסטו אויף דער ערד;
און אויף טויט וועט דיך צעטרעטן
די קאָפּיטע פֿון אַ פֿערד.

8

מיט אַ האַלבער וועלט צעקריגט זיך,
מיט אַ צווייטער זיך צעפּעכט:
זיץ איך איצט אַליין אין צימער:
ווער פֿון אונז איז אומגערעכט?

דאָ געזאָגט וואָס מען באַדאַרף נישט,
דאָרטן עפּעס נישט דערזאָגט;
און אַ גאַנצע וועלט איז שונאים,
יעדער שטויסט און יעדער יאָגט.

וועלט דו שיינע, וועלט דו וואוילע!
עס פֿאַרדריסט — מען מוז צעגיין:
איך וועל קיינמאָל דיר געפֿעלן,
דו מיך קיינמאָל נישט פֿאַרשטיין.

9

(„איש ריב ומדון לכל הארץ" ירמיהו ט"ו)

א מענש פון קריג פאר גאר דער וועלט
האסטו מיך אויסגעקליבען.
אין גאנץ יהודה־לאנד איז מיר
קיין איינציג פריינד פארבליבען.

איך האב די עלטסטע ניט געעהרט
און ניט געגרויסט דעם קעניג,
און ניט געווען — א, ס'ארא חטא! —
דעם המון אונטערטעניג.

וואס דו האסט אויף מיין צונג געלייגט,
האב איך ניט פייג דערשלונגען:
פאר גרויס און קליין, פאר קנעכט און האר
האט הויך דיין שטראף געקלונגען.

און איצטער זוכען אלע זיי
דאס לעבען מיר צו נעמען.
איך וויל דיין נביא מער ניט זיין!
געפין זיך אנדערש וועמען.

כ'וויל, ווי דער לעצטער צווישען זיי,
אן אייגען שטיבעל האבען,
און אין דעם שאטען פון א בוים
מיט טרויבען־זאפט זיך לאבען.

10

איז דאָס די לאַנד דו האָסט פאַרשפּראָכען,
די נייע אויסגעבענקטע לאַנד ?
ניט ווערט געווען די פערציג יאָרען
פון וויסטען, גליהענדיגען זאַמד.

ניט ווערט געווען די גרויסע דאָרשטען,
און די מיראַזשען אויפן וואָר.
צוליב אביסל מילך און האָניג
זאָל אומקומען א גאַנצער דור ? ! . .

11

אכול ושתה כי מחר נמות.
(ישעיה, כ"ב פסוק י"ג)

היינט, עס און טרינק און לוסטיג זיי,
דען מאָרגען וועסטו שטארבען ;
דען מאָרגען מאַכען וועט דער פיינט
א בעכער פון דיין שאַרבען.

און שאָל און פייף אויף גאָט און לייט,
דען מאָרגען וועסטו שטומען ;
און טרינק דעם ערשטען בעכער ווייז,
און זאָל דיר וואויל באַקומען.

12

דאָרף און שטאָדט.

„איך שפייז דיך, שטאָדט, מיט ברויט און פוטער,
מיט הינער, רינדער צו גענוג,

פון איינעמס לידער

איך שיק דיר לאַנגע קאַראַוואַנען,
מיט יעדער שעה אַ נייעם צוג,

דיין ערד איז שטיין, און בליי דיין הימעל,
און קוימענס טאַרטשען אומעטום,
אויף דיינע בוימער הייגגט קיין עפּעל,
און דיינע וועלדער זיינען שטום.

נאָר איך גיב דיר אי ווייַן אי פּרוכטען,
פון מיינע טייכען ציהסטו פיש,
איך שיק דיר טויזענד זיסע זינגער,
און ציר דיין הויז מיט בלומען פריש.

אויף מיינע לאַנקעס, מיינע בערגלאַך
געפינט דיין קינד אי רו, אי גליק,
איך שענק אים פולע, רויטע באַקען —
דאָך דו, שטאָדט, זאָג, וואָס גיבסט צוריק?

1908

13

אַ שלעכטער יאָר. ס'האָט ניט געראָטען,
געבליבען איז די לאַנד אָן ברויט,
עס האָט געקאַרגט דער הימעל רעגען,
און מענש און פי ליידט הונגער־נויט.

געפלאַקערט האָט די זון, געבראָטען,
און אויסגעברענט אין זאַנג דעם קאָרן,
און וואָס די זון האָט דורכגעלאָזען,
פאַרטראָגען האָט אַ ווינד מיט צאָרן.

פון איינעמס לידער

די פעלדער ווײסט ווי נאָך אַ הײשעריק,
דער טאָק איז הויל, דער שײער לער,
עס זיצען אומעטיג די דרעשער,
און קײן געזאַנג זיך הערט נישט מעהר.

אַ שלעכטער יאָר. ס׳האָט ניט געראָטען,
געבליבן איז די לאַנד אָן ברויט,
דאָך אײנער איז געבענטשט מיט שפע,
דאָך אײנעם גייט — דאָס איז דעם טויט.

ער שניידט זיין ברויט אויף אַלע וועגען,
ער שניידט און בינדט סיי טאָג סיי נאַכט
ער האָט די קאַרעס אָנגעלאָדען,
און אַלע שפּײכלערס פול געמאַכט.

1907

14

ווען דיין בליק צו פלאָך איז אוצרות צו געפינען,
און דיין אָרעם שוואָך איז לענדער צו געווינען, —
טרינק! און איבער ימים וועסטו זינגריך שפּרייזען, —
אין דער כוסה׳ס טיפניש ליגען רייכע פּרייזען.

ווען דער מזל וויל דיר קיינמאָל ניט אַ לאַך טאָן,
און פאַרלירסט אין לעבען אַלע דיינע שלאַכטען, —
טרינק! און גאָר די וועלט וועט צו די פיס דיר זינקען, —
פון דעם בעכערס אָפּגרונט ווייסע נימפען ווינקען.

ווען דיין בעסטער חבר האָט דיך קאַלט פאַרשטויסען,
און דיין מיידעל לאַכט און שפּילט אויף פרעמדע שויסען, —
טרינק! דיין פּיין און וויי, דעם האַרצענס רויטע וואונדען,
ווערען אין דער גלעזעלס רויטען תהום פאַרשוואונדען.

1910

פ ו ן   א י י נ ע מ ס   ל י ד ע ר

15

אָט דאָס איז די ליבע און דאָס איז די שטראָף,
זאָל גאָט איבער אונז זיך דערבאַרמען.
געווען אַזאַ קעלט, און עס האָט זיך געוואָלט
אַביסעל דאָס האַרץ זיך דערוואַרמען.

איצט דריקען די אָרעמס, די צאַרט־ווייכע מיך,
ווי צוואַנגען, ווי אייזערנע רינגען ;
איך האָב אויסגעטרונקען דעם ווייַן, און דערנאָך
געמוזט אויך דעם בעכער דערשלינגען.

1909

16

זעכציג מלכות, אַכציג ווייבער,
יונגע מיידלאַך אָן אַ צאָל ;
און איך איינער, קעניג שלמה,
איבער אַלע הערשען זאָל.

טויזענד ווייבער ; צען מאָל מערער
יעדע ווייב קאַפּריזען האָט,
און איך מוז ערפילען אַלע —
יעדערס וואונש איז אַ געבאָט.

שאַף זיי העלפאַנטביין, רובינען,
שלאַפּען ברייננג פון גאָר דער ערד ;
טויכער שיק אין ים נאָך פערל,
קיין מצרים שיק נאָך פערד.

זיין אַ מלך אין ישראל
און ביי ווייבער זיין אַ מאַן ;

אי באַפעלען, אי געהאָרכען,
הערשער זיין און אונטערטאַן, —

ליבערשט וואָלט איך אומגעוואַנדערט
אין לבנון־וואַלד אַליין ;
אָדער פאַר שולמית' פענסטער
אין אַ זומער־אָווענט שטיין.

17

כ'האָב זעכציג מלכות אין מיין האַרעם
און אַכציג קעבס־ווייבער דערצו ;
נאָר דאָך די אמת'ע, די עכטע
שולמית, קעניגין, ביזטו.

און ווען מיין קעניגין פאַרלאָזט מיך,
שפּאַר איך מיין קאָפּ וואו אַנדערש צו ;
נאָר אַלע, אַלע פרעמדע שויסען,
זיי גיבען ניט קיין אמת רו.

1909

18

דו ביזט אויף מיינע הענד געבליבען,
און מיינע הענד, זיי זיינען שוואַך.
נאָר גאָט אַליין זאָל דיך בעשיצען
און האַלטען איבער דיר זיין וואַך.

ער זאָל דיר לינדע ווינטלאַך שיקען
אין הייסע זומערדיגע טעג,
דיין קאַמער־פענסטער זאָל אַרויסגעהן
צום גרין־באַזוימטען בוימער־וועג.

די קרעמער זאָלען דיך ניט נאַרען
ביים קויפען קליידער, שפּייז, געשיר.

ווען דו וועסט גיין אין געסט, זאָל אָפען
פאַר דיר זיין יעדע האַרץ און טיר.

ווען דו וועסט פון א קאָנצערט פאָרען
אהיים, זאָל דיין באַגלייטער זיין
אַן איידעלמאַן, א רעדעוודיגער —
די וועג זאָל דיר ניט צו לאַנג זיין.

און ביי א סטענד זאָל ער דיר קויפען
אַ טשאָקאָלאַד, ווי איך פלעג טאָן.
דער גוטער גאָט — איך וועל אים בעטען
ער זאָל בעזאָרגען וואָס ער קאָן.

19

האָסט קיין מערה מיר
אין א האַרטען פעלז;
זינקט מיין ארון ניט
אין דעם טיפען ים.

אויף א גרינעם פעלד,
ביי א שמאָלען וועג,
גראָבט א קבר אוים,
לייגט מיך דאָרט אוועק.

ווען א בערגעל פריש
דאָרט זיך אויפהויבען;
וועט א קווייטעל בלוי
דאָרטען אויפשפּראָצען.

וועט א מיידעל גיין
און איר אויסרייסען; —

פון איינעמס לידער

וועט מיין טויטע הארץ
דעמאָלט טרייסטען זיך.

20

קלעפט דער שלאָף די אויגען מיר
מיט ווייכע פינגער צו,
זינגט מיר אויפן אויער שטיל,
וויגט מיך איין : ליו-ליו.

טראָגט אויף ווייכע אָרעמס מיך
אין אַ ווייטען לאַנד ;
דאָרטען לויפט א וואסערל,
ברעגעס געלער זאמד.

זיצט א בת־מלכה און קוקט
אין דער ווייט אריין. —
„מיידעל אין א ווייטען לאַנד,
וועסט היינט מיינע זיין".

21

בין איך מיר א בחור'ל,
א בחור'ל א לייט ;
טאטע־מאמען — פּוקעניש,
שטעכעניש אין זייט.

איך שלאָג די קליינע ברידערלאך,
שלאָג פאר יעדע האָר,
און דער בת־יחידה'לע
ריים איך פאר די האָר.

פון איינעמס לידער

עסען, עס איך ווען איך וויל,
גיי אליין צום טאפ;
פון געפרעגעלטעס, איינגעמאכטס
זאג איך זיך ניט אפ.

ווי עס פאלט די נאכט נאר צו,
טראכט איך שוין ניט לאנג,
לאז זיך איבערן שטאדט ארוים
אויף א גוטען פאנג.

חנ'עווודיגע מיידעלאך
מיט געווירצטע צעפ,
היט זיך, היט, פארדרייען אייך
וועל איך שוין די קעפ.

טרעף איך איינע אויף דער גאס,
פרעג איך ניט: מען טאר?
קנייפ איך איר און קוש איך איר,
וויפיל ס'גלוסט זיך נאר.

איך קלאפ אין פרעמדע לאדען אן,
אין יעדען לייטיש הויז:
„שטייט ר' שלום אויף צו חצות,
מ'ווארט אויף אייך אין קלויז".

אויפן וועג דעם נגיד'ס סאד
מאך איך א וויזיט;
איך „נעם ארום" א קארשען־צווייג, —
בין איך גאר שוין קווים.

פון אײנזאַמס לידער

אַז איך קום אַהײם מיט טאָג,
בריאַזגע איך אין טיר;
גײט דער טאַטע עפֿענען,
רעדט קײן וואָרט צו מיר;

נאָר װען ער אין בעט זיך לײגט,
אין בעטל הינטערן וואַנט,
הער איך װי ער שילט זיך שטיל,
אַרט׳ס מיך װי די וואַנט.

דרײַ וואונשען

1

דרײַ מענשען האָט מען מאָרגענס
צום עשאַפֿאָט געפֿירט;
די נאַכט האָט מען דרײַ װאונשען,
דרײַ לעצטע דורכגעפֿירט.

דער ערשטער בײַ אַ כּוסה
האָט בלױען טאָג דערזען.
בײַם צװײטען איז זײַן כּלה
די גאַנצע נאַכט געװען.

דעם דריטען האָט אַ חבר,
אַ יוגענד־פֿרײַנד, באַזוכט.
זײ האָבען גאָט געלעסטערט,
געשפּאָטען און געפֿלוכט.

2

אַ שלאָס

טירען געשניצטע און הויכע,
פּוסטע, הויל־הילכיגע זאַלען.
שרייען, צעטראָגען זיך עכאָס,
ווי ס'וואָלטען טראָמפּייטען געשאַלען.

טונקעלע ווענט. פון סופיט איז
די שטוקאַטור אָפּגעפאַלען.
פענסטער, — ווי אייזערנע נעצען.
ווער האָט באַוואוינט אַט די זאַלען?

פירסטען מיט גאָלדענע שפּאָרען?
פריסטער געוויקעלט אין שווארצען, —
זעליגקייט, גאָט אויף די ליפּען,
ברודער־מאָרד, גיפט אין דעם הארצען?

אַט וועט אַ וואַנט זיך אַ רוק טאָן,
וועט מײנע אויגען דערשרעקען:
פּורפּורנע פעצען, סקעלעטען,
שטיינער מיט בלוטיגע פלעקען.

3

דער לעצטער פערדינאַנד

פערדינאַנד, דער לעצטער הערשער,
קעניג איז — ביים טיטעל נור.
אַלע אוצרות אויסגעליידיגט,
פון זיין חיל — ניט קיין שפור.

פון איינעמס לידער

און דערווייל פון אלע זייטען
רייסען שכנים זיך צום קריג.
יונגע פעלקער — שאנד און חרפה —
ס׳גלוסט זיך זיי א גרינגער זיג.

און זיי רוקען אפ דעם גרענעץ,
רייסען פאסען פון זיין לאנד, —
אין זיין שלאפצימער, דער קעניג
שטייט און מאלט ראש אויף דער וואנט.

אויף די הוילע ווענט פון חדר
שטעלט ער גאנצע מחנות אוים:
קיראסירען און הוזארען
רייטען פאלקען-וויין פאראוים.

הינטער זיי א וואלד פון שפיזען
אין דער ברייטער ווייטקייט בליצט, —
דאס רוקט אן די אינפאנטעריע
פון קאנאנען איבערשיצט.

זעכציג גענעראלען ציען
מיט דעם חיל אין דער שלאכט.
איבער אלע שטייט דער קעניג
פערדינאנד — די העכסטע מאכט . . .

וואונדערבארע פאזיציאנען
בויט ער אויף אין אייגענבליק;
און דער שונא איז צעשלאגען,
און דאס לאנד איז פריי צוריק.

פון איינעמס לידער

נאָך דער שלאַכט ציילט ער די העלדען...
ער איז שטאָלץ וואָס אַזוי פיל...
און די לעבעדיגע געבען,
הייסט ער, גאָלד און זילבער פיל.

רופט אַן אַלטען גענעראַל צו,
גרייכט אים קעניגליך די האַנד;
טוט אַ צווייטען אַן אַ אָרדען —
„אננא" אויף אַ רויטען באַנד.

הונדערט נייע שטעט און לענדער
ברייינגען צינזען צו זיין טראָן;
וועט פאַר אַלטע און אלמנות
גיין דערפון אַ „פענסיאָן".

נאָר אַזוי ווי שטעט און פאָלקען
איז געמאָלעכץ אויף די ווענט,
מוז אַליין ער ז י ך באַראַנקען,
דריקען זיך אַליין די הענט.

* * *

נאַכט-אין-נאַכט אַזוי כסדר,
יאָרען לאַנגע נאָכאַנאַנד,
פירט צום קריג און זיג די מחנות
ער, דער לעצטער פערדינאַנד.

און ער ווייס ניט אַז פאַרטיליגט
איז אַלץ ביז דער לעצטער מויז;
אַז זיין קעניגלאַכער טורעם
איז אַ משוגעים-הויז.

4

פאָליקראַטוס*)

ער האָט געזאָגט: ער קען שוין מער
מיין גאסט ניט זיין,
און איז אוועק, זיך רעטענדיג, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

דעם שונא האָט מיין שפיז באזיגט.
זיין לאַנד איז מיין;
אַט ליגט צו מיינע פיס זיין קאָפּ —
און וואָס וועט איצטער זיין?

די זעגעל־שיפען זיינען ערשט
אין פּאָרט אריין
מיט פּערל, גאָלד און העלפאַנטביין, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

אומזיסט ווארף איך מיין גאָלד'נעם רונג
אין ים אריין:
א פיש האָט אים צוריק געבראַכט, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

די געטער'ס ראכע וועט שוין לאַנג
ניט אויסען זיין...
מיט א געבויגטען קאָפּ ווארט איך, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

---

*) נאָך שילער'ס ליד: דער פּאָליקראַטוס רינג.

5

דאָס מיידעל און דער פישער

אין ברייטען, גרינעם דניעפּער טאָל
א מיידעל האָט געוואוינט אמאָל.
א יונג האָט זיך אין איר פארליבט.
זי האָט אומזיסט זיין הארץ באטריבט.
ער בעט און זיפצט און וויינט פאר איר —
דאָס טוט איר שטאָלצע הארץ קיין ריר.

פארנאכט. צום טייך דער פישער גייט.
דאָס מיידעל ביי דעם פענסטער שטייט.
דאָס מיידעל פלעכט די צעפּ און זינגט.
דער פישער הערט — זיין הארץ צעשפּרינגט.
זי פלעכט די צעפּ און זינגט און לאכט.
דער פישער גייט צום טייך און טראכט:

דו זיסע מיידעל, אומגליק מיין,
ווען דו ווילסט נאָר מיין כלה זיין:
איך היים דער גאָלד'נער פישעלע,
זי גרייט א גאָלד'נעם טישעלע,
א גאָלד'נע בעט פאר אונז ביינאנד, —
דו ווערסט די קעניגין פון לאַנד...

דאָס מיידעל זינגט, דאָס מיידעל לאכט.
דער פישער גייט צום טייך און טראכט:
מיר בלייבט נאָר אויפן דניעפּער'ס גרונד
זיך אָפּרוען. נו, זיי געזונד!
פארגעבען זאָל דיר גאָט די זינד, —
האָסט אומגעבראכט א מענשען־קינד.

פון אײנעמס לידער

* * *

געקומען איז פון שטאָט אַ מאַן,
אַן אויסגעפּוצטער שאַרלאַטאַן.
מיט פאַלשען צונג און גלאַטע רייד
האָט ער דער מיידעל'ס קאָפּ פאַרדרייט.
ער האָט אַ חופּה צוגעזאָגט,
און איז אַוועק, ווען ס'האָט געטאָגט...

פאַרנאַכט. דער אַנדער יאָר פאַרגייט.
דאָס מיידעל ביי דעם פענסטער שטייט.
זי הערט דעם פישערס ווייטע טריט:
זי קעמט די האָר און זינגט אַ ליד.
איר האַרץ פאַר ווייטאָג שיער צעשפּרינגט.
זי הערט דעם פישערס טריט און זינגט: —

„מיין צאָפּ איז גרוי, מיין פּנים בלייך,
„מיין בליק פאַרצוייגען מיט אַ רויך;
„ווער קייטעלט אָפּ מיין קאַמער'ס טיר?
„ווער טיילט מיין ווייכע בעט מיט מיר?
„אַ, פישער־יונג, אַ זיסער מיין!
„כ'וואָלט כאָטש געוואָלט דיין שקלאַפין זיין".

דער פישער טראָגט די נעץ צום ברעג.
דאָס מיידעל שטעלט זיך אויפ'ן וועג:
„דו זיסער פישער, גוטער מיין,
„צי וואָלסטו ניט מיין מלך זיין?"
דער פישער הערט און טראַכט און רעדט:
„צו שפּעט, מיין קעניגין, צו שפּעט..."

6

חנינא בן דוסא, דער הויז־מענש ביי גאט,
באַפעלט איבער ווינטען און רעגען:
ער שליסט אויף דעם הימעל און ס'נידערט פון דאָרט
אויף פעלדער און ביימער גאָטס זעגען.

חנינא בן דוסא׳ פון שפע דער האר,
פאַר זיך דאַרף ער גאַרנישט ניט האָבען:
ער טוט מיט פאַרטריקענטע באָקסער אַ מאָס
פון פרייטאָג ביז פרייטאָג זיך לאָבען.

האָט איינמאָל געשטרויכעלט... אַ וואָרט... און ער האָט
אַ גאָלדענעם טיש־פוס באַקומען...
חנינאַ האָט ווידער געבעטען צו גאָט —
און גאָט האָט די פוס צוגענומען.

7

אין דאָרף

אַ אידישע קינד, פון אַ אידישער הויז,
האָט זיך אין אַ דאָרפּישען שייגעץ פאַרליבט.
די שטעדטעל — זי רעדט און בארעדט און באַשילט.
דער טאַטע, די מאַמע — זיי זיצען באַטריבט.

דער טאַטע דער מיידעל האַלט אונטער דעם שלאָס;
אַז וואַנט שלאָגט די מאַמע איר גרוי־אַלטען קאָפּ.
דער שייגעץ גייט־אום אַזוי טאָג, אַזוי נאַכט
און נעמט פון דעם פענסטער דאָס אויג ניט אַראָפּ.

דער שייגעץ, ער טראַכט פון אַ קלויסטער, פון שמד;
דער טאַטע — פון קידוש השם, פון סיביר.

א נאכט נאך א נאכט, ביז עס קומט אן א טאג —
די מיידעל, זי הײנגט ביי דעם שוועל פון דער טיר.

8

דער לייב — פון בראָנזע אויסגעשלאָגן,
די גריווע הויך פון ווינט געטראגן,
און אויף די ליפּען זידט דער שוים, —
די פּיס נאָר שטעקען טיף אין ליים.

דער שטייפער קערפּער אויסגעבויגען,
א יעדער מוסקול אנגעצויגען
און צו א ווייטען שפּרונג געגרייט.
און ער — ער רירט זיך ניט פון קוים.

אזוי שטייט ער חדשים, יאָרען
(מיין טיש זיין מדבר איז געוואָרען)
פאַרשטויבט, פאַרבלאָטיגט פון דער צייט, —
און רייסט זיך, רייסט זיך ערגעץ ווייט...

9

פרוי ווינטער איז נעכטען געקומען,
די קודרעס מיט פּודרע באַשאָטען,
די באקען — דערפרוירענע בלומען,
און קאַלטע, שטייף־אייזיגע הענט.
— געלעכערטע הענטשקעס געטראָגען
און האָט זיך די פינגער צעברענט. —
האָט, קענטיג, אָן מיר זיך דערוואר׳מען
געוואָלט, און גענומען אומארמען

מיין האלז, מיינע אַקסלען געשטיקט,
מיין ברוסט אַזוי שטאַרק אויפגעדריקט,
אַז שרייען האָב איך ניט געקענט.
דערנאָך אויף אַ ווייל מיך געלאָזען,
און האָט, ניט געפרעגט, זיך געלאָזען
דורכנישטערן אַלמערס, קאַמאָדען,
גלייכגילטיג־פאַרשטעלטע סעקרעטען
מיט בריף, סואווענירען, פאָרטרעטען.
אַלץ פאַר דער שיין אויפגעדעקט,
און האָט אַז רחמנות געוועקט
— עס האָט ניט געהאָלפען מיין בעטען —
די קינדער פון זייערע בעטען.
געהערשט האָט די נאַכט אין מיין הויז
נאָר טרערען, אומאָרדנונג און שרעק. —
מיט טאָג־גלייך ערשט איז זי אַוועק.

10

דער טרעמפ

הויך איז ער, דאַר און פאַרוואַקסען;
זיין פּנים אי בלייך איז, אי שוואַרץ;
זיין העמד איז צעעפענט און שטעלט אויס
מיט האָר אַ באַוואַקסענע האַרץ.

אַ קינדערשער ראָק אויף די פּלייצעס, —
ביינאַכט צוגעשלעפּט פון אַ פּלויט:
די הויזען צו קורצלאַך, — דער שניידער
געוויס ניט פאַר א י ם האָט גענייט.

ער לעבט, ווי אין וואלד לעבט דער פייגעל —
ער ווערט פון גאָטס דרויסען גענערט;
דאָ ליגט א בראָק ברויט, און דאָ הויבט ער
א שטיקעל ציגאַר אויף פון דר'ערד.

ער האנדעלט ניט, באָרגט ניט ביי קיינעם;
די יאָרען, חדשים און טעג
באפאַלען אים ניט ווי בעלי־חובות,
ווי רוצחים ביים זייט פון דעם וועג.

דערפאר האט ער אויך ניט קיין טענות
צום רעגען וואָס טרעפט אים אין גאַס;
די זון וועט אים אפטריק'נען שפעטער,
אזוי ווי דעם שטיין וואָס ווערט נאַס.

זיין צונג איז פארשמאכט און פארטריקענט,
זיין אויג אבער — גלאנצענדיג־פייכט.
ער טראָגט א וואלד האָר אויף זיין נאקען —
און שוועבט אזוי הימעלדיג־לייכט.

11

א לעצטער אויף דער גרויסער שטוב
איז ער ארויסגעגאנגען.
שוין זעקס מאָל פריער איז די וויג
אויפן זעלבען קרוק געהאנגען.

ער האָט א נאָפּעל קליין און דאר
און שפּעטער פון דעם מאַטענס באָרד
נאָר ווייסע האָר געריסען.
ביי מאמעס ברוסט געביסען;

דעריבער איז ער אזוי פרי
אי אַלט, אי ווייס געוואָרען ;
זיין יוגענד האָבען אויסגעזויגט
זיין טאַטענס אַלטע יאָרען.

12

אין לייברערי

אין דער לייברערי. אין אָנהויב־אָווענדיגע שטונדען,
ווי אין דער נאַכט — אַ חברה אָפּגעלאָזטע לייט
שלאָפט ביי אַ לאַנגען, געלען טיש. נאַכלעסיג הייגנען
די לאַנגע ניט פאַרקעמטע האָר זיי אויף אַ זייט.

איין טרוים דערוואַרימט האָט צען אָפּגעקילטע הערצער,
און פון פאַרלייגטע נעזער צען איין שנאָרכען גייט ;
און פון די הויכע ווענט אַ גרופּע ווייבער־געטער
האָט זיך פאַר זיי אין אַ האַרעם אויסגעשפּרייט.

זשורנאַלען אויסגעבלעטערטע : אויף פליוש דיוואַנען,
דאָ קושט דער הער זיין שקלאַפין ; דאָרט אַ יונגפרוי רוט,
ערשט פון דער באָד... איר גאַז, די רויטע זשיראַנדעלען
מיט פורפור־שיין פאַרגיסען, ווי מיט רויטע בלוט.

אין וועג פאַרנעמענדיג די אָפּגעטאָגטע בלעטער,
מיט דראָבנע מריט קומט די לייברעריען צוגיין.
פון שלאָף דערהערט האָט איינער אירע מיידעל־שיכלאַך
און האָט צעשטראַלט זיך מיט די ווייסע, שאַרפע ציין...

13

אַ בוד אין האַנט. פון ראַדיאַטאָר
דער דאַמף ווי טוי אויף ברעמען ליגט.

פון איינעמס לידער

א לייכטער טראָב פון גאַס דערטראָגט זיך:
עס שלעפּערט מיד. ביז האַלב פאַרוויגט.

עס שלעפּערט מיד. ווי דורך א לייווענט
איינטאָניק טריפן ווערטער, רייד, —
א בחור חזר'ט די „גראַמאַטיק“,
ער זשומעט פאַר זיך שטילערהייד — —

עס שלעפּערט מיד. אַז אפּגעצערטע
פון פענסטער קוקט אריין די גאַס.
די קינדערס גרילציגע געשרייען
פאַרנעבלען זיך, אי ווייך, אי בלאַס.

און האַלבע טענער, האַלבע־פאַרבען
פאַרוויקלען מיך אין טרוים און רויך.
א בוך אין האַנט ; די קולות שטאַרבען, —
אי ווייט, אי נעבעלדיג, אי ווייך — ——

14

ווי נאָך א חתונה. עס קלינגט נאָך אַלץ אין אויער.
מיר דוכט זיך אַלץ, אַז אין דעם צווייטען חדר
שפּילט פידעל און קלאַרנעט, שפּילט פלייטע און באַנדורע
און ס'רוישען רחבות'דיג די ווייסע זייד'נע קליידער.

דאָך דאַרף איך נאָר די טיר אַז עפען טאָן, פאַרשווינדען
כלי־זמרים, קליידער, געסט און די פאַרפּוצטע כלה
זיצט ביי א ווייסען טיש, שטריקט עפּעס מיט די פינגער, —
א וואָכעדיגער טאָג, א טאָג אזא ווי אַלע.

ווי נאָך א חתונה. א טאָג אזא ווי אַלע.
די כלה זיצט און שטריקט אין וואָכעדיגען חדר.

דאָך שליסען ווידער זיך די אויגען : פידלען שפּילען
און ס׳רוישען רחבת׳דיג די ווייסע זייד׳נע קליידער.

15

די פינגער איינגעגראָבען אין דער מוטערס ברוסט.
די אויגלאָך לאַכענדיגע צו איר מויל געווענדט
דאָס מיילכעל פּעסט און פריש מיט מילך באַטויט, —
אַזוי אָט רוט דאָס קינד ביי „מאַמע" אין די הענט.

און פון דער גאָס דער טאַטע קומט צוגיין
און גיט דעם קינד אַ קוש און מיט אַ בליק
פול טרערען קוקט ער אויף דער מוטער־ווייב, —
פון וואַנען גיט אים גאָט אַזוי פיל גליק ?

16

פון זעקסטען שטאָק

דריי פענסטער. עס שטייען דריי ווייבער
און קאָכען אַ שבת־געריכט ;
דריי רויכיגע אויוועגס. דער שוויים רינט
פון יעטווידער ווירטינס געזיכט.

דאָך וואַרט : אויף דער נאַכט — ווען די פערטע,
די מלכה, וועט קומען צו זיי, —
אַ פּאַלאַץ וועט זיין יעדע קאָך־שטוב,
אַ הויף־דאַמע יעטווידע פרוי.

17

זי שטייט אויף זייגער ניין
פון בעט, אַן קלייד, אַן זאָקען.

פון איינעמס לידער

א שלאַנקער קערפּערל, געמישט פון בראָנז און מאַרמאָר,
און ס׳הוידען זיך ביים האלז צוויי שווארצע, יונגע לאָקען.

זי שטייט אויף זייגער ניין
און שפּילט זיך מיט דער מוטער ;
זי זעצט זיך אויף איר שויס און פּאַטשט איר אין די באַקען,
און מיט דער קליינער האַנט באַפעלט זי : „ברוּיט מיט
פּוטער“.

זי שטייט אויף זייגער ניין, —
די מיידעלע אַנטקעגנען׳
און לויפט פאַרשייט אַרום. די מאַמע איילט אין קיך
צו מאַכען אָנבייסען פאַר איר ליב־טאָכטערס וועגען.

18

די ציטערדיגע

עס וואַקסט אַ בלום וואו אויף אַ הויף,
מיט ווענד פאַרשטעלט.
האָט ניט געזען די גרויסע וועלט,
די פרעמדע וועלט.

קיין ווינטעל האָט נאָך ביז אַהער
איר ניט געגלעט.
קיין בונטער שמעטערלינג האָט ניט
באַרירט איר בעט.

קיין זונען־שטראַל האָט איר ביז היינט
קיין ברי געטאָן ;
זי בליט אין פרומער ציטערניש :
ניט רירט מיך אָן.

פון איינעמס לידער

א הימעל־פלעק, א רעגעז־טריף —
נאָר ווען ניט ווען,
און ארום זיך א טפח ערד —
גענוג געווען.

* * *

געקומען זיינען ארבייטער,
צעשטערט די ווענט:
א זונען־שטראַל האָט איר דערזען
און איר פאַרברענט.

האָפּיז

1

האָפּיז'ס ליד אויף יעדענס ליפּען,
האָפּיז'ס בוך אין יעדען שראַנק;
האָפּיז'ס לידער ברייגגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

וואו איז סאַקי הינגעקומען,
דער גאָטספאַרכטיגער סאַהיד?
ניט פאַרגעסען נאָר איז האָפּיז,
ניט פאַרקלונגען — האָפּיז'ס ליד.

סאַקי שטייט און צאַפּט ביים פעסעל;
רויטער וויין אין קריגלאַך פליסט.
האָפּיז בעטעלט מיט די אויגען,
האָפּיז בעטעלט — נאָר אומזיסט...

גייט מיט ווייב און קינד שפּאַצירען
דער געלערנטער סאַהיד;

פון איינעמס לידער

יעדער שפּאַן איז אָפּגעמאָסטען,
אָפּגעוואויגען יעדער טריט.

האָפּיז שפּילט זיך מיט אַ לערען,
רויטען קריגעלע פון ווייַן;
אויף די גראָבע שענק־שטוב מיידעל
וויל צו אים ניט פריינדלאַך זיין.

האָפּיז׳ס ליד אויף יעדענס ליפּען,
האָפּיז׳ס בוך אין יעדען שראַנק;
האָפּיז׳ס לידער ברייִנגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

קלוג געלעבט און קלוג געפירט זיך
האָבען סאַקי און סאַהיד:
נאָכאַנאַנד געגרייזט האָט האָפּיז
און געשטרויכעלט טריט אויף טריט

און געעלטערט זיך אין פרידען
האָבען סאַקי און סאַהיד. —
אומגעוואָגעלט, אומגעוואַלגערט
האָט זיך האָפּיז מיט זיין ליד.

גאָלד׳נע רענדלאַך און מוליאַרעס
האָבען אוהל׳ס אויפגעשטעלט
אויף סאַהיד׳ס און סאַקי׳ס קברים. —
האָפּיז שלאָפט אין מיטען פעלד.

האָפּיז׳ס ליד אויף יעדענס ליפּען,
האָפּיז׳ס בוך אין יעדען שראַנק;

פון איינעמס לידער

האפיז'ס לידער ברייננגען היילונג
דעם, וואס איז פון ליבע קראנק.

2

פארזיגעל, סאקי, ניט די פאס ;
לאז אפען שטיין, און ווער עס וויל
זאל צוקומען און אנגיסען
און טרינקען, ׳טרינקען פיל ער וויל...

דער וויין אין הונדערט יאר ארום
וועט שטארקער נאך און בעסער זיין ;
דאך ווער פון אונז, די דארשטיגע,
זאג, ווער פון אונז וועט דא נאך זיין ?

און דו, אויך דו וועסט זיין מיט אונז.
אין אנגעזיכט פון בייזען גאט.
ווי וועסטו זיך פארענטפערען,
פאר דיין שמאל־הארציגקייט, פאר גאט ?

3

וואס מאכט עס אויס וואס איך וועל טרינקען,
צי רויטען וויין, צי אפפאל שווארצען ?
א, ניט אין קריגעל ליגט די ליד —
זי ליגט אין מיר, זי ליגט אין הארצען !

און וויסענשאפטליך פיל איר זאלט
מיט אייז די שלייפען מיר ניט רייבען, —
זי איז מיט מיר און וועט מיט מיר,
ווי וויין פארזיגעלטער, פארבלייבען.

איר קלוגע לייט, איר שטאַרקע מענשען:
נעמט זיך די ערד, די זון, די שטערען,
און האָפּיז'ן לאָזט נאָר זיין ליד —
ער זאָל ניט קיינמאָל ניכטער ווערען.

4

— האָפּיז, האָפּיז ווידערהאַלט זיך, —
שרייען אַלע איין געשריי:
— יעדען טאָג אַ נייע לידעל,
יעדע ליד — דער אַלטער ווײ.

אַ, איר קורצזיכטיגע מורמלער!
שאַפּט ניט גאָט דען אויך אַזוי?
יעדען יאָר — אַ נייעם פרילינג,
דאָך — דער אַלטער סאָלאָוויי.

5

מיטן וויין אין שענק פאַרטרינק איך
מיינע טעג און מיינע נעכט.
סאַהיד זאָגט: איך טו אַז אומרעכט:
סאַקי אָבער: איך טו רעכט.

ליבער סאַהיד, ליבער סאַקי,
איר האָט ביידע, ביידע רעכט:
די טאַווערנע איז קיין שאַנד־הויז,
די חברותא — די איז שלעכט.

אָבער גאָט, מיין גאָט, דו ווייסט דאָך:
זי, נאָר זי איז אומגערעכט.

זאָל זיין סאַהיד, זאָל זיין סאַקי, —
מיר איז אַלץ שוין, אַלץ שוין רעכט.

6

האַפיז האָט ניט צו באַצאָלען
פאַר אַ קרינגעל פּראָסטען ווייַן.
האַפיז זאָל דערפאַר ניט זינגען?
וועט זיין ליד ניט האָניג זיין?

האַפיז מעג אויך הייווען טרינקען, —
האַפיז מאַכט פון הייוועז ווייַן;
האַפיז מעג אויך גאָר ניט טרינקען —
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

ניט־פאַרגינערס! האַפיז׳ס שונאים!
שפּאָרט ניט האַפיז׳ן קיין ווייַן!
אונטער אַ פאַרשלאָס׳נעם הימל
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

7

און ווידער האָט אַ רויז פאַרוויאַנעט,
אַ רויז אויף האַפיז׳ס בויט.
געבליט האָט זי נאָך רויט אין אָוונד,
און אין דער פרי — שוין טויט!

אומזיסט האָט האַפיז איר געמינטערט,
אין רויטען ווייַן געוויקט;
אומזיסט די ברוסט זיך אויפגעשניטען,
צום האַרץ איר צוגעליינט;

זײן װײן, זײן בלוט האָט ניט געהאָלפען —
כאָטש װײן און בלוט איז רויט...
און װידער האָט אַ רויז פאַרװיאַנעט,
אַ רויז אויף האַפיז'ס בײט.

8

װאו איז, האַפיז, דײן מאַנדעל־ברויט ?
װאו איז, האַפיז, דײן פורפור־קלײד ?
דײן קאָפּ איז װײס שוין פאַר דער צײט...
דײן בעכער — פול מיט ביטערקײט...

מײן ליד, דאָס איז מײן מאַנדעל־ברויט,
מײן ליד, דאָס איז מײן פורפור־קלײד ;
מײן קאָפּ איז װײס שוין פאַר דער צײט ?
דער טויט — פאַרזיסט די ביטערקײט...

9

אַ האַפיז װײס, אַז װײן און װײבער
פאַרמאָגען ניט דעם מינדסטען װערט.
דאָס שטײט אין „בוך". ער האָט דאָס זעלבע
פון אַלטע, פרומע לײט געהערט...

דאָך װערט נאַכט אײן, נאַכט אוים כסדר
אין אײנזאַמקײט זײן האַרץ פאַרצערט ;
און ס'רויבט דער קנאה'ס צינזען־מאַנער
פון זײנע טעג דעם לעצטען װערט.

10

ווען איך דערמאָן דיין נאָמען זיך
ציט דורך אַ זיסער שטראָם מיין האַרץ.
עס האָט נאָך אַזאַ האָניג־טייך
אין פּרס ניט פאַרפליצט אַ האַרץ.

די מיילער־טאָלען שטילט ער איין,
די דאַרשטענדיגע טרינקט ער אָן ;
און ביז די רונדע היגלען־קעפּ
די אינדען זיינע שלאָגען אָן.

11

אָ, שיראַז'ס בלום, מיין האַרצענס טרויסט —
פאַרוואָס האָסטו פאַרבליט ?
עס ברענען דאָך נאָך אומעטום
דעם זומערס הייסע טריט.

די ערד איז גרין, דער הימעל בלוי,
דער בוים אין בלעטער שטייט ;
און קיינער האָט ניט אָנגעזאָגט
מיט שרעק : דער ווינטער גייט !

די גריבער זיינען צוגעדעקט,
צום רעגען ניט געגרייט.
דער רעגען ווייס זיין טאָג ; פאַר וואָס
ווייס ניט זיין טאָג דער טויט ?

די ערד איז גרין, דער הימעל בלוי,
דער ווינטער איז נאָך ווייט ;

וואָס האָסטו זיך, מיין בלום, געאײַלט
פאַרבליִען פאַר דער צייט ?

12

ווי דו האָסט האָפּיז'ן געקאָרמעט —
ווייסטו אַליין ;
מיט לידער וועט דיר האָפּיז צאָלען
דיין פולען לוין.

זיין ליד „צו סאַקי" וועט אַרומגיין
פון האַנט צו האַנט ;
אַ שימפּ־נאָמען וועט סאַקי ווערען
אויף גאָר דאָס לאַנד.

און אויב רחמנות וועט ווער דאַרפען —
איז — דו אַליין :
דען אַ געבראַנדמאַרקטען וועט האָפּיז
דיך לאָזען גיין.

13

פון שיראָז איז האָפּיז געגאַנגען
און האָט די בלויזע פיס געבריט
אין הייסען זאַמד, נאָר האָט די צאַרטע
גראָז ביים וועג־זוים אָפּגעהיט.

נאָר ניט אַזוי די גוטע לייט
האָבען זיך מיט האָפּיז'ן באַגאַנגען, —
זיי זיינען אויף זיין בלויזער ברוסט,
ווי אויפן זאַמד אַרומגעגאַנגען.

14

סאקי האָט א וויץ פאר יעדען
און א שפרוך־וואָרט, ווי עס פאסט ;
איינער לאכט זיך אן ביז טרערען
ווען דער פעטער סאקי שפאסט.

סאהיד ווארפט מיט פרומע פסוקים
אויף די זינדער פון דער ערד ;
טרערען קייקלען זיך ביי יענע,
ווער דעם דארען סאהיד הערט.

„סאקי שפאסט און סאהיד מוסר'ט, —
ביידע טוען זייער פאך ;
וואָס טוסטו, דו בלייבער שווייגער“?
— דאָס איז ניט דעם שענקערס זאך.

15

סאקי מאכט פון קונדען רענדלאך,
א קאריערע מאכט סאהיד ;
סאקי, און סאהיד, און קונדען, —
איז פאר האפיז בלויז א ליד.

שמייכלענדיג קלייבט סאקי רענדלאך
פון דער מזל'דיגער בייט ;
סאהיד וועט אין פריידען שניידען,
וואָס ער האָט מיט זארג געזייט.

האפיז'ס לידער — זשעדנע פיאווקעס,
ווערען פון זיין בלוט גענערט ;

האפיז'ס לידער — האפיז'ס רויבער.
האפיז — האפיז'ן פארצערט.

16

זארג זיך ניט, סאהיד, דער טייפעל
נעמט דעם גוטען ווי דעם שלעכטען...
ער גיט יעדערען א מאלצייט
און א משפט א גערעכטען.

ריטער, סקאווערדעס און קוילען,
צוואנגען אנגעברענטע, רויטע —
ליגען אין דעם גיהנם'ס שפייכלערס
גאנצע הורבעס אנגעגרייטע...

ער האט פלייסיגע משרתים
דורכצופירען די באפעלען,
אי די גוטע, אי די שלעכטע —
עס זאל קיינעם גאר גישט פעלען...

האט גאט עמיצען געקריוודעט,
האט ער ניט באפרידיגט וועמען —
זיי געטרייסט, סאהיד! דער טייפעל
וועט שוין קיינעם ניט פארשעמען.

17

האפיז פליט אויף ברייטע פליגלען
איבער בוימער, איבער הינלען;
סאקי האלט זיך ביי זיין קלייד,
איז ניט לעבעדיג, ניט טויט.

„האפיז, קרוין, געגוג צו יאָגען,
כ׳קען די הויכקייט ניט פאַרטראָגען“.
— בעט זיך סאַקי ווי אַ קינד —
„ניט דערמאָן די אַלטע זינד“.

„שרעק זיך ניט, די ברייטסטע פליגלען
ווערן אָפּגעשוואַכט, די היגלען
בלייבען ווייט: אין דיין געצעלט
שענקסטו ווידער ווייז פאַר געלט.

אין אַ ווינטער־טאָג, אַ נאַסען,
טרייבט זיך האפיז אין די גאַסען,
ווי געוויינלאַך. דו — ציילסט געלד
אין דיין וואַרימען געצעלט“.

18

דו זיצסט אין ווייז־הויז און דו טרינקסט,
און העלפסט די זינגער מיט און זינגסט;
ווער וויים, ווער וויים, — אין דער מינוט
באַפאַלט אַ פלאַם פון גאָט דיין גוט!

ווען דו מישט צו דעם ווייז־געטראַנק
אַ פרעמדען, זינדיגען געדאַנק, —
ווער וויים: אויף דיין באַצאָלטער בעט
אַ פרעמדער הארצט דיין ווייב און גלעט.

און ווי נאָר דו פאַרלאָזסט די שוועל —
אַ רויב־פייל טרעפט דיך אויפן שטעל...

דו האָסט קיין ודוי ניט געזאָגט, —
דער טייפעל דיין נשמה טראָגט.

דער שונא שפּירט נאָך דיינע טריט,
און גאָט אַליין פאַרגינט דיר ניט.
דעם טויט קוק, האַפּיז, אין געזיכט, —
דער אומגליק קומט גאָר אומגעריכט.

19

אויף אַלטע יאָרען האַפּיז האָט
זיך איינגעליבט, אַ נאַר געוואָרען;
און ווי אַ קינד אַ זילבער מינץ, —
האָט ער זיין הארץ אזוי פאַרלאָרען.

דאָס קינד וועט וויינען אין דער היים, —
מען וועט אַנ'אַנדער מינץ אים געבען;
נאָר ווער אַ הארץ פאַרלירט, דער האָט
פאַרלאָרען אויף זיין גאַנצען לעבען.

ער איז געגאַנגען ביים ברעג טייך,
און האָט דערזען אין טייך אַ שטערען;
זיך איינגעבויגט, — און וואו נאָר צוויי,
וועט האַפּיז איצט אַ דריטער ווערען.

מיט האַפּיז'ס אומגליק סאָקי וועט
די קונדענס פוילע צייט פאַרנעמען;
און פון דער בימה האַפּיז'ן
וועט סאַהיד פאַר אַ מוסר נעמען.

20

„װער װיל מײַן נשמה האָבען ?
קויף איר, טײַפעל, אָפּ כאָטש דו" !
נאָר דער טײַפעל, װי אַ קרעמער,
ענטפערט : „האַפּיז, לאָז צורו.

„צו לאַנג האָסטו איר מיט תּפילות
און מיט לידער אויסגעצערט ;
װי אַ ליד אין װײַסע פערזען
האָט זי ניט דעם מינדסטען װערט.

„איך דאַרף פלײש מיט בלוט און בײנער !
איך האָב ליב — זײַן גוט געשפּײַזט.
דײַן נשמה איז אַ שװינדעל —
אויבען — פאַרמעט, אונטען — גײַסט.

„סאַקי'ס, זעסטו, דאָס איז סחורה !
װײַן און װײַב ! װאָס איך האָב האַלט.
פיל ער זאָל פאַר איר ניט בעטען —
איך באַצאָל אין בארעם גאָלד."

21

ניט פיל איז האַפּיז'ן געבליבען
נאָך װײַן אין כוס ;
דער פאַלשער סאַקי האָט געגעבען
אַ פאַלשע מאָס.

נאָר װאָס גײט האַפּיז'ן אָן סאַקי
און סאַקי'ס װײַן ?
ער װעט זײַן צונג אין דאָרשט פאַרברענען,
און רואיג זײַן.

22

געליבטע, האפיז איז קיין עושר,
ער וועט קיין האלזבאנד דיר ניט געבען;
ער וועט דיר לאנגע יארען שיינקען,
און דורך זיין חסד וועסטו לעבען.

זיין וועג פירט איבער דורות־פעלזען,
דו דארפסט זיך אן זיין קלייד נאר האלטען, —
וועט, ניט־באפליגעלטער, דיך טראגען
הויך איבער אלע יובל'ען־שפאלטען.

ווער האפיז'ן האט ווען געפייניגט, —
ווי טוי זיך קלעפט צו זיינע טריט;
ער טראגט מיט סאקי'ן און סאהיד'ן,
מיט האפיז גייט גאנץ שיראז מיט.

ווען דיינע שוועסטער'ס קינדערס־קינדער
אין שטומען קבר וועלען ליגען,
און איבער זיי א קיפארים בוים
וועט שטומערהייט אין ווינד זיך וויגען, —

א טאכטער וועט איר מוטער פרעגען,
א מיידעל צו איר חתן זאגען:
„ווער איז די אנקא, וואס איר נאמען
אויף אלע ליפען ווערט געטראגען?“

— געוועזן איז אנקא יענע מיידעל,
וואס האט האפיז'ס הארץ געפאנגען;
ער האט געדינט צו איר מיט לידער,
און צינז געצאלט איר מיט געזאנגען...

אינהאלט:

אַרום מיל

I

שניי

זייט
1 דער טייך שטעלט זיך ... 7
2 ס'איז דער שניי דער ערשטער 8
3 „זאווייע" ... "
4 ווייס איז די ערד ... 9
5 „עף מאראז" ... "
6 בלענדעט די זון מיר די אויגן ... 10
7 א צלם ביים וועג ... 11
8 א ווייסער, פארוואָרפענער דערפל "
9 ווינטער פרעסט ציען זיך ווייסע ... 12
10 ניט קיין בארג ... "
11 עס גייט א שניי ... 14
12 דער ערשטער שניי ... "
13 סטראשנע צו פאהרען ... 16
14 „קרעשטשעניע" ... 17

אַרום מיל

1 ציטערדיג פון הימעל איז ... 18
2 דער גרינער זומער ... 20
3 עס דובט זיך מיר ... 21
4 הימלען טיף בלויע ... 22
5 די דארפישע שול ... 23
6 צוריק פון דער חופה ... 24
7 „ער" ... 26
8 דער עקאנאם ... 27
9 שבעה ... "
10 א מארק ... 28
11 א זומער נאכט ... 34
12 לאנג איז דער ווינטער ... 40

ליטע

זייט
1 מאך אויף א בוך ... 44
2 ליטע, מיין שטויביגע וויגעל ... 45
3 נעם איך זיך מיין היים דערמאנען "
4 אונזער לאנד איז גרוי ... 46
5 שפרייטען זיך ... "
6 מיין ניט אז דער שיינער הימעל ... 47

אין חודש מערץ

1 אין חודש מערץ ... 48
2 האט זיך מיר גע'חלומ'ט ... "
3 איינמאל האב איך מיין געליבטע 49
4 איך בין אין מיין ליב שמאלער 50
5 זיץ איך ביים פענסטער ... 51
6 צווישען דארף און שטאדט ... 53

נעכט

II

אַ נייער טאָג

זייט
1 פיל איך האב זי ניט בארוהיגט 57
2 א נייער טאג? ... "
3 איז א שטערען אויפגעגאנגען ... 58
4 כ'בין אן שלאף ... 59
5 איך אן אורח ... "
6 דיין טיר האט א שלאס ... 60
7 געשלאגען האט מיין הארץ ... "
8 איך בין אין גאס געגאנגען ... "
9 וואס האט מיך געצויגען? ... 61
10 איך וועל אזוי אפט ... 62

זייט
11 איך האב ניט צום סדר העולם.... "
12 ווי בין איך מקנא די פייגלאך...... "
13 מיין פארלאנג און מיין באגער.... 63
14 מיידעל, מיידעל האב מיך האלט "
15 לאז פיעשצען זיך.................. 64
16 צו זאגען האב איך דיר............ "
17 דו זיי דער „הער"................... "

דו ביזט געזעסען

1 דו ביזט געזעסען.................. 65
2 א קילע נאכט......................... "
3 פארברענט זאלט איהר ווערען.... 66
4 ליבע פאר דעם הארצען............. "
5 פאר דעם א לאך.................... 67
6 א גאנצער מעת-לעת................. "
7 כ'וועל שטיין אין סאמע טיר........ "
8 ניט נעם צום הארצען זיך........ 68
9 דו מאכסט מיין שלעכטע לוינע.. "
10 דו ביזט אין בעט געלעגען......... 69
11 קען איך ניט דיין מלך זיין........ "
12 צוויי לאנגע נעכט..................... "
13 בין דריי מאל ביי דיין הויז........ 70
14 האסט גוטע מינוטען................. "
15 ריים די שפינדעל ניט.............. 71
16 דו האסט די שנירלאך.............. "
17 אויבען איז דער צוג................ "
18 וואס ערשט געווען א אמת........ 72
19 בייטשען קנאלען..................... 73
20 אויבען לויפט א שמאלע סטעזשקע "
21 איז געווען א יונג מיידעל.......... 74
22 מאדנע — א פינסטערע האלב-נאכט 75
23 פאלען דאס הימלען צוזאמען...... "
24 איך ווייס א מיידעל איינע......... 76
25 מיין ניט, איך וועל דיך פארגעסען 77
26 וועסט אויף מיין טיר............... "

ווייל איך וויל רוען

1 הויכע טרעפען קרומע טרעפען.... 78
2 איך קום צו דיר...................... "
3 פון דעם ברענענדיגען טאג........ "
4 באלד וועט זיך די זון באהאלטען 79

אַ דורכגייער האָט דאָ געררוט

1 א דורכגייער האט דא גערוט.... 80
2 א שליח וועט היינט צו דיר קומען.. "
זייט
3 איך האב דיך מיין אוצר גערופען.. "
4 דו ביזט א ווילד קינד.............. 81
5 ביי גאט אין הימעל פארזעץ איך "
6 וואלט איינער רייך פון אונז געווען "
7 א שווארצע קאץ...................... 82
8 אט ערשט געווען . . .. "
9 איך האב זיך אין הארצען.......... 83
10 עס דרעמעלט זיך................... "

פון אונזער ליבע

1 איך ליג אן שלאף.................. 84
2 א ליגן גייט אין שטוב ארום.... "
3 דעם לעצטען חלום האסטו.......... 85
4 א פייער פון גאט.................... "
5 מיר זיינען ווייט.................... 86
6 דערמאנסטו מיך נאך ווען ?........ "
7 און האסטו מיך...................... 87
8 טויזענד מענשען, קיינער, קיינער "
9 אויגען ניט צו מיר געווענדעט.... "
10 פון אונזער ליבע איז קיין דור.... 88
11 אמאליגע פריידען ניט וועק........ 89
12 דער גאנצער קריג א חלום נאר.. "

ראָמאַנסען

1 פאפיר און טינט.................... 90
2 איך האב דיך ליב.................. "
3 דער פייער ברענט.................. 91
4 איך האב געדולד.................... 92
5 פאר וואס, זאג, פארלויפסטו...... "
6 עס קען זיין, דו ביזט דא געגאנגען 93
7 א פרייליכע וועסטו זיך ווייזען 94
8 האט געזאגט זי וועט זיין........ "
9 צוויי אויגען......................... 95
10 איך דארף ניט זאלסט קומען.... "
11 איך האב געהאט א שלעכטען חלום 96
12 געליהען האט דער שניי........... 97
13 אט בין איך, אט זיץ איך,.......... "
14 כ'וועל זיך אויסצוואגען.......... 98
15 זי איז אוועק און האט מיין הארץ "
16 מיין גאנצע שטוב.................. 99
17 איך מוז אן אנדערע געפינען........ 100

גלייך ווי אַ פויגעל

1 גלייך ווי א פויגעל................. 101
2 און איז אין מיין הארצען......... 102

זייט

3 מיין שטערען וועט ווערען ..... "
4 דער טאָג איז דער לעצטער געקומען 103

אויף גאָטס באַראָט

III

אויף גאָט׳ס באַראָט

1 אויף גאָטס באַראָט! 107
2 מיין שטעקען האָב איך ..... "
3 זינגט מיין ליב צו גאָט 108
4 כ׳האָב איין ים דעם וועג ..... "
5 נאָר אויב מיין שיף 109
6 איך בויג מיין קאָפּ ..... "
7 איך בין ניט רייף 110

איך גיי אין וועג

1 איך גיי אין וועג 111
2 איך האָב געפרעגט: ..... "
3 ניט דערפאַר 112
4 אין דער שטילקייט פון נאַכט ..... "
5 אַ גאָט פון די לידער 113
6 וואָס עס זאָגט אַרויס דאָס מויל "
7 איך וויים די גוטע, אַלטע גבירה .. 114
8 מיר זיינען צוויי ..... "

נאָך דאַנקען גאָט

1 נאָך דאַנקען גאָט 115
2 גאָט דערהער די זיפצען מיינע ..... "
3 אַזוי פיל מאָל 116
4 מיין גאָט, מיין גאָט ..... "
5 רבונו־של־עולם 117
6 ווייל איך האָב קיינמאָל ..... "
7 דו גרויסער קעניג 118
8 ניט זאָג: 119
9 און וואו נאָר איך גיי ..... "

וואונדערליכע לענדער

1 וואונדערליכע לענדער 119
2 אין חלום נאָך 120
3 איך דאַרף ניט פיל ..... "
4 אַ ברייטען, גרינעם פעלד 121
5 אייער קרעכץ ..... "
6 דער גאָט וואָס האָט ביז איצטער 122
7 מיינע ים׳ען זיינען שטילע 123
8 אַזוי ווי ער, — ..... "

אינקאָגניטאָ

1 כ׳בין אַ קעניג 124
2 דער טראָן איז גרייט ..... "
3 אויבען שטיי איך 125
4 יעדען טאָג אַ שעה פאַראַנען 126
5 עס וואָלט זיך מיר קיינמאָל ..... "
6 ווערלענס קעניגרייך 127

נעענטער צו דיר

1 עס זיינען לידער פילע דאָ 128
2 מען זאָגט ..... "
3 פערציג כמאַרעס קלייבען זיך 129
4 מיינע טעג און מיינע וואָכען 130
5 ווען איך וואָלט די טויען־שטונדען "
6 די שיפען ליגען אויפען דעק 131
7 די אַרבייטס־וואָך ציט אָפּ ..... "
8 איך בין אַן אַלטער, אַלטער איך 132
9 איך מוז און וועל אוועקגיין 133
10 דאָס בלוט איז פון זיין האַרץ..... "
11 און ווען דער שווייגענדיגער..... 134

דער מענטש דער שטיין

1 די מאַנאַשקע 135
2 ער שטייט אויף אום צוועלף ..... "
3 אַז וואויל איז דעם 136
4 געלעבט האָט אַן איינזאַמער..... 137
5 איר קענט זיי ..... "
6 כ׳וואָלט געוואָלט אַז דער מלאך..... 138
7 און גרויס איז דער פּאַרדרוס ..... "
8 אויף יעדען טאָג און יעדער שעה 139

אין „וואָרד“

1 זאָג דו גרויסער גאָט 139
2 דורך דעם בלויען רוים 140
3 אַפּטמאָל דוכט זיך מיר 141
4 איר שלוחים פון אַ קאַלטען לאַנד "
5 שטייט די שטילע האַלב־נאַכט 142

צום שטערען נויד

1 צום שטערען נויד 144
2 עס נייען די גוים 145

זייט
3 עם קלינגען סערפּ ... 146
4 דער האט א גדר אויפגעשטעלט ... 147
5 דער ערשטער זומערדיגער גאסט "

אין געפאנגענשאפט

1 געפאנגענע זיינען מיר אלע ... 148
2 ווערט פון ישעה די תפיסה איינגער "
3 א זון־שטראל פון שלאף ... 149
4 העי, שומר!.. שומר ... "
5 פון קאפ די שיכרות ... 150
6 כ׳האב ראזיגע וואלקענס געזען ... "

דער תנא זאגט

1 דער תנא ... 150
2 די סומע פון ליידען ... 151
3 א שינדעל, א פענסטער ... "
4 די צייט איז קורץ ... 152
5 נאריש! מיט צעפראר׳נע פינגער "
6 דאס לעבען קלאפט אין פויקען 153
7 ניט טרוי דעם אומגליק ... "
8 פארשלים דעם וויטאג ... 154
9 דער הימעל הייננט ... "
10 ווער וויס, ... 155
11 געוועזן ביינאכט א גרויסער ווינט "
12 בויט זיך א ריזיגער בנין ... 156
13 דעם צדיק׳ס וועגען זיינען זיכער .. 157

פון איינעמס לידער

IV

איינגע וועגען

1 ווען דער ליבער גאט ... 161
2 ווען איך בין אוועק ... 162
3 זע, דער בעטלער ... 163
4 מיינע גליקען־רייכע שטונדען ... 164
5 איך האב געבעטען ... "
6 עס קען זיין, מען קען מיך ... 165
7 ניט קיין טאטע ... 166
8 שטילער פון דעם טייך ... "
9 כ׳האב געוואנדערט ... 167

אין קאפע

1 עס זיצען דריי געסט ... 167
2 א גאנצען טאג איז ... 168
3 א פולע טעג איז דא ביי גאט ... 169
4 עס טרינקען פילע שטארקען טיי "
5 צום טיש, צום טיש! ... 170
6 אליין פון זיך ... "
7 ניט א ים מיט הויכע כוואליעס .. 171
8 העי, קעלנער, קעלנער ... "
9 ווי קען איך א הונגעריגער ... 172
10 מענשען לאכען אוים די אויגען ... "
11 ניט געבונדענע פערזען ... 173
12 ס׳איז גוט אין רעסטאראן ... 176

אומשולדיגע לידער

1 ווי ריטער האט איר זיך ... 178
2 פאר אייך די פופציג ... 179
3 איר רייט אויף הויכע קליאטשעס "
4 ס׳איז פאלש, ... 180
5 גוטע פריינד האב איך פיל ... "
6 די לאנגע גאס ... 181
7 שווארץ מיין געהייליגטער קאליר.. "
8 שטרויכלינדיג ... 182
9 א שמחה אין פעלד ... "
10 איך וויל אז פאלען זאל מיין ליד 183
11 איך וועל זיך מיט האס ... "
12 פון מיין קוואל ... "

פון איינעמס לידער

1 איך בין געזעסען פאר מיין שוועל 184
2 און קיינער גייט ... 186
3 זיץ איך מיר אליין ... 187
4 די לאמפען זיינען אויסגעלאשען .. "
5 דאס פעלד ... 188
6 איך וויים, ... "
7 ער האט מיין נאקען ... 189
8 שוין יארען לאנגע ... "
9 דער גאט צו וועלכען איך טו דינען 190
10 שבת, יום־טוב ... "
11 מיין אסיען זון איז אויפגעגאנגען 191
12 וואס טו איך, גאט ... "
13 די תפיסה מויער ... 192
14 נאריש, כאטש צום פעסט געלאדען "
15 חלום, גיבסט אמאל א שיין ... 193
16 וואס איך האב לאנגע נעכט ... "
17 איך גיי שוין ... 194
18 איך בין א וועבער . . . ... "
19 ניט זארג, מיין מוטער ... 195
20 א שומר איבער פרעמדע אוצרות .. 196
21 אויף א הויכען שטול ... "

געמישטע לידער

זייט
1 גליקלאך־לעבעז 199
2 ביכער, ביכער אז אז אויפהער 201
3 צום ערשטעז מאל א ליגעז .... "
4 האט דעם אלטעז וואלד 202
5 כ׳האב דערזעז היינט פרי .... "
6 אז פרעמדע פורעז אנגעכאפט 203
7 קומט א שנייעלע פון הימעל .... "
8 מיט א האלבער וועלט 204
9 א מענש פון קריג 205
10 איז דאס די לאנד? 206
11 היינט עס און טרינק .... "
12 דארף און שטאט .... "
13 א שלעכטער יאר 207
14 ווען דיין בליק צו פלאך איז 208
15 אט דאס איז די ליבע 209
16 זעכציג מלכות, אכציג ווייבער .... "
17 כ׳האב זעכציג מלכות 210
18 דו ביזט אויף מיינע הענד .... "
19 האקט קיין מערה מיר 211
20 קלעפט דער שלאף די אויגעז מיר 212
21 בין איך מיר א בחורל .... "

דריי וואונשען

1 דריי מענשעז האט מעז מארגענס 214
2 א שלאס 215
3 דער לעצטער פערדינאנד .... "
4 פאליקראטוס 218
5 דאס מיידעל און דער פישער 219
6 חנינא בן דוסא 221
7 אין דארף .... "
8 דער לייב 222
9 פרוי ווינטער .... "
10 דער טרעמפ 223
11 א לעצטער 224
12 אין דער לייברערי 225
13 א בוד אין האנט .... "
14 ווי נאך א חתונה 226
15 די פינגער איינגעגראבעז 227
16 פון זעקסטעז שטאק .... "
17 זי שטייט אויף זייגער ניין .... "
18 די ציטערדיגע 228

האפיז

1 האפיז׳ס ליד 229
2 פארזיגעל, סאקי, ... 231
3 וואס מאכט עס אוים, ... "
4 האפיז, האפיז ווידערהאלט זיך 232
5 מיטן וויין אין שענק פארטרינק .... "
6 האפיז האט ניט צו באצאלעז 233
7 און ווידער האט א רויז .... "
8 וואו איז האפיז 234
9 א, האפיז וויים .... "
10 ווען איך דערמאן דיין נאמען זיך 235
11 א שיראז׳ס בלום .... "
12 ווי דו האסט האפיז׳ן געקארמעט 236
13 פון שיראז .... "
14 סאקי האט א וויץ 237
15 סאקי מאכט פון קונדעז רענדלאך "
16 זארג זיך ניט, סאהיד ....
17 האפיז פליט אויף ברייטע פליגעל "
18 דו זיצסט אין וויין הויז 239
19 אויף אלטע יארעז 240
20 ווער וויל מיין נשמה האבעז 241
21 ניט פיל איז האפיז׳ן געבליבעז .... "
22 געליבטע, האפיז איז קיין עושר 242